# משולחן מלכים

## שיחות קודש שנשמעו מפי כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## ביקור כ"ק הגה"צ רבי יצחק דוב יונגרייז שליט"א

אדמו"ר מגארליץ בבארא פארק

## בבית כ"ק מרן רבינו שליט"א – בקרית יואל יע"א

יום ג' דחוה"מ פסח תשע"ה לפ"ק

**האדמו"ר מגארליץ הציג את בניו וחתניו הרבנים שנתלוו אתו**

**האדמו"ר מגארליץ:** דער רבי זאגט 'א גוט מועד א גוטן יו"ט', ביי אונז זאגט מען נאכ'ן דאווענען 'א גוטן יו"ט א גוט מועד', די באבוב'ער אידן זאגן 'א גוטן יו"ט', און אונז זאגן מיר 'א גוטן מועד'.

די בעלזער חסידים ווילן זאגן אז דער רב ז"ל האט געפלעגט צו זאגן 'א גוטן חול המועד'.[1]

זיי ווילן זאגן פשט אז 'א גוטן מועד' קען אפשר זיין ווי ביי תשעה באב 'קרא עלי מועד' (איכה א, טו). אזוי ווילן זיי זאגן, כ'ווייס נישט דער אמת'ער פשט דערפון.[2]

**רבינו:** דער פעטער ז"ל פלעגט עפי"ר זאגן חול המועד 'א גוטן מועד', צו מאל האט ער אויך געקענט זאגן 'גוט יום טוב'.[3]

**א' הנוכחים:** נאכן טיש חוה"מ סוכות פלעגט ער זאגן 'גוט יום טוב'.

**רבינו:** יא, נאכן טיש אין די סוכה, פלעגט ער אזוי גריסן פאר די רבנים.

**בנו הרה"ג ר' דוד שלמה שליט"א אבד"ק מנוחת אשר:** וואס איז טאקע דער פשט פון זאגן 'א גוט מועד', ס'זאל זיין אביסל אנדערש ווי יו"ט?

**רבינו:** ס'איז דאך אזוי, סוף כל סוף איז עס דאך נישט יו"ט.

**אב"ד מנוחת אשר:** בעצם 'מועד' מיינט אויך יו"ט, אבער זעהט אויס מ'האט געמאכט עפעס א שינוי, ס'זאל זיין אנדערש.

**רבינו:** באמת ס'האט א מקור אין הלכה, ס'איז דא א מגן אברהם אין הל' תענית (סי' תק"ע) לגבי א נדר, אז חוה"מ רופט מען אהן יו"ט.[4]

---

1 עיי' בספר ביתו נאוה קודש (חלק ב' עמוד תתקמ"ח): עם תום התפילה כמו במשך כל ימי חול המועד איחל הרה"ק המהר"א מבעלזא זי"ע אל עבר סובביו בזאת הברכה 'א גוטן חול המועד', כך מביא בשם כמה מקורבים.

אך מביא שם גם שמועות סותרות מכמה אנשים ששמעו איך שמברך 'א גוטן מועד' כדנהוג בעלמא, ע"ש.

2 עיי' בס' זכרינו לחיים - באבוב (עמ' רל"ב) שמענו מכ"ק מרן אדמו"ר מהר"ש זצוק"ל שבאמת בימי צאנז היה נהוג לאחל זה את זה 'א גוטן מועד', אך בראות כ"ק מרן אדמו"ר הראשון זצוק"ל שהחל קצת זלזול בימים קדושים אלו בעיני ההמון, עמד ושינה שיאחלו זה את זה 'א גוט יום טוב', וכן נהגו רבותה"ק אחריו בקפידא.

ובאמת בדזיקוב נהגו כבר מקודם לאחל זה את זה 'א גוט יום טוב', והרה"ק מדזיקוב ז"ל אמר הטעם בזה, כי מועד משמע גם כן לפעמים היפוכו כדכתיב (איכה א טו) קרא עלי מועד לשבור בחורי וגו', ולישנא מעליא קא נקטינן.

3 ע' במחזור דברי יואל לפסח (עמ' תרי"ח אות תפ"ד): במוצאי יו"ט אחרי הבדלה בירך את כל העומדים מסביב בברכת 'גוטן מועד', והקפיד על אותם שאמרו 'גוטע וואך'.

וע' בס' שערי רחמים מהגר"א ז"ל שהקפיד מאוד על האומרים במוצאי יו"ט לחוה"מ 'גוט וואך' כמנהג חול עיי"ש.

4 ע' שם במגן אברהם (הל' תענית סי' תק"ע סק"ה) על הא דכתב הרמ"א סעיף א' דמי שנדר להתענות סך ימים ואמר חוץ מיו"ט, דאין חנוכה ופורים בכלל, וכתב המגן אברהם דחוה"מ הוי בכלל יום טוב. וכתב בפרי מגדים

**חתנו הרה"ג ר' ישראל וואזנער שליט"א אבד"ק מינסק:** דער רבי ז"ל האט אבער מקפיד געווען זייער נישט צו טוישן פון יו"ט אויף חוה"מ, אלע מלבושים, אלעס ווי יו"ט.

**רבינו:** אוודאי, מ'איז געגאנגען אנגעטוהן חוה"מ אינגאנצן יו"ט'דיג.[5]

**האדמו"ר מגארליץ:** די מונקאטשער זאגן, כ'האב גערעדט מיט ר' מרדכי לעבאוויטש נאכ'ן דאוונען זאגט ער מיר אז דער מונקאטשער רב איז נישט געגאנגען מיט די זעלבע שטריימל חול המועד, ס'איז דא וואס ווילן זאגן אז דער מנחת אלעזר איז געגאנגען מיט א קאלפיק חול המועד.

**רבינו:** ס'איז זייער נישט מסתבר, יו"ט בכלל גייט מען אהנגעטוהן שענערע מלבושים ווי שבת, וועגן שמחת יו"ט.[6]

**רבינו:** דער מונקאטשער רב פלעגט אום יו"ט זאגן נאר 'יום טוב' און נישט 'גוט יום טוב'.[7]

**האדמו"ר מגארליץ:** אבער ער זאגט אז דער עולם אין די גאס איז זיכער נישט געגאנגען מיט קיין שטריימל חוה"מ. און ער זאגט אז מ'איז געגאנגען ארבעטן אויך, עס קען זיין.

**רבינו:** יא, דאס קען שוין זיין.

דער פעטער ז"ל דאהי האט אסאך כוחות אריינגעלייגט אז חוה"מ זאל מען נישט גיין ארבייטן, און מ'זאל גיין מיט בגדי שבת.[8]

אבער אמאל איז זייער שווער געווען בימים ההם, כ'האב געהערט אויך פונעם טאטן אמאל, ער האט מיר געזאגט אז דער פעטער ז"ל נאך אין סאטמאר האט זיך אויך געפלאגט מיטן עולם, מ'האט גענפנט די געשעפטן, און אינדערהיים איז דאך געווען 'א שניט ווארע', אזוי האט עס געהייסן, מ'האט געשניטן סחורה'ס מיט א מאס, במילא איז עס א מלאכה דאורייתא, האט ער מיר געזאגט אז ער האט זיך געפלאגט אין סאטמאר מיט דעם, אזוי האב איך אמאל געהערט פון אים.[9]

---

דהרי בנדרים הולכין אחר לשון בני אדם, ובלשון בני אדם מקרי חול המועד 'יום טוב', עיי"ש.

5 ע' במחזור דברי יואל לפסח (עמ' תר"כ אות ר"צ) בחוה"מ לא שינה רבינו כלל ממלבושי שבת ויו"ט, וכן התפלל בטלית של שבת ויו"ט. ועי' בהערה שם (אות א): במג"א (ריש סי' תק"ל) בשם תניא רבתי חייב לכבד חוה"מ בכסות כשאר יו"ט. ועי' שבולי הלקט (סי' ר"כ) מ"ש מתורת כהנים ובתוס' כריתות (דף ז.) ד"ה וקראו, וכ' שם בערוך לנר ומזה ראיה שיש חוב מה"ת לכבד חוה"מ במאכל ומשתה ובכסות נקיה. וכ"כ הברטנורא (אבות פ"ג) על המבזה את המועדות שאין לו חלק לעולם הבא, שנוהג מנהג חול בחוה"מ במלאכה ואכילה ושתיה, ונראה שמזאת המכילתא יצא מ"ש המג"א בהל' חוה"מ בשם ס' תני, ורבים אינם נזהרים באיסור חמור הזה ואין מחלקין חוה"מ לימי החול ומי יתן יטו אוזן וישמעו לדברי אלה עכ"ל, עיי"ש. ובאורחות חיים להרא"ה מלוניל (הל' שבת אות ט') כתב ולובש בגדי שבת כדי שיזכור שהוא יום קדוש ואסור בעשיית מלאכה עכ"ל, במשמרת שלום (סי' ל"ג או"ב) כתב דיש לגעור באותם שבאים לביהכנ"ס בחוה"מ בבגד של חול, ועי' ויעש אברהם טשעכנאוו (עמ' תכ"ג) מש"כ בזה.

6 עיי' בד' המג"א (סי' תקכ"ט) כתב דדין לבישת בגדים יותר טובים ביו"ט מבשבת, משום חיוב שמחה שיש ביו"ט. ולפי המובא בפוסקים ה"ה בחול המועד צריך ללבוש בגדי יו"ט, כיון שגם בחוה"מ יש חיוב שמחה, וכן כ' להדיא בס' התניא (סי' נ"ב שהעתיק המג"א בסי' תק"ל סק"א) שכתב דחוה"מ חייב לכבדו במאכל ומשתה ובכסות 'כשאר יו"ט' ע"כ.

אמנם מדברי הגה"ק מבוטשאטש באשל אברהם (סי' תקנ"א ד"ה אך מחליפין) נראה דהמנהג היה ללבוש בחול המועד בגדי שבת ולא בגדי יום טוב עיי"ש. וכן כתב בחיי אדם (כלל ק"ו סוסעי' א') דבחוה"מ לובשים בגדי שבת. גם בנימוקי או"ח להגה"ק ממונקאטש (סי' תק"ל אות ג') נקט דבחוה"מ לובשין בגדי שבת.

נמצא שמצינו מחלוקת בזה, ובשער הציון (סי' תק"ל אות ד') הוכיח שלענין כסות נקיה חול המועד איננו חמור כשבת ויום טוב, והעיקר שתהיה הכסות נקיה ושלא תהיה של סתם ימות החול.

מאידך עיי' בנמוקי או"ח (שם) ובפרי מגדים על דברי המגן אברהם (שם) שלהרבה אחרונים צריכים הבגדים להיות ממש בגדי יום טוב, או עכ"פ של שבת.

7 בספר שנה האחרונה (אות נ"ז) כתוב, אשר ביום ב' דסוכות, הילולת רבינו בעל דרכי תשובה זי"ע, בהכנס רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע לאהל רבותינו זי"ע, "דרכו בקודש היה לפתוח בשלום תחילה בלשון אידיש "גוט יום טוב טאטע", ובהערה שם: בכל פעם ביום טוב אחר התפילה כשהלכו העולם לביתם ובאו מקודם לפרוס בשלום רבם, היה נוהג להשיבם רק בלשון "יום טוב" לבד (וכן נהג אביו הקדוש בעל הדרכי תשובה זי"ע), וכאן אמר "גוט יום טוב", ובוודאי טעמו ונימוקו של רבינו זי"ע עמו, כי עמקו מחשבותיו ומעשיו, שגבה למעלה משכלינו. וכ"כ בדרכי חיים ושלום במנהגי חג הסוכות (אות תשפ"ג).

8 ע' במחזור דברי יואל לסוכות (ח"א עמ' תרנ"ט אות קמ"ד) כדלהלן: רבינו הקפיד מאוד שאנ"ש יתלבשו בחול המועד במלבושי שבת ויו"ט כדי שלא יהיו בכלל המבזה את המועדות.

בשנים הראשונים של בוא רבינו לאמעריקא פעל הרבה שילבשו בשבת שטריימל והרבה מאנ"ש אף שחבשו שטריימל בשבת ויו"ט אבל בחוה"מ לא לבשו מלבושי שבת. ורבינו עורר את אנ"ש שילבשו גם בחוה"מ שטריימל ובעקיטשע, והתעוררות זו הגיעה גם להרבה מאחב"י אף שלא היו מחסידי רבינו, והתחילו ללבוש מלבושי שבת גם בחול המועד.

9 ועי' עוד שם (עמ' תרס"א אות קמ"ה), כדלהלן: בענין מלאכת חול המועד החמיר רבינו מאוד שלא להקל כלל, ואם יש חשש שאם לא יבואו לעבוד בחוה"מ יפסידו פרנסתם הי' מתיר לעבוד, רק בתנאי שיעבדו

ס'איז געווען שטארק נפרץ דעמאלטס צו ארבעטן חול המועד, דאס דלות איז געווען גרויס.

**האדמו"ר מגארליץ:** ווען אונז זעמיר יונג געווען איז נאך דא אויך געווען אזוי. אסאך אידן זענען געגאנגען אויפן טרעין, מ'איז געפארן צו די ארבעט.

**רבינו:** יא, מ'האט דא אויך געארבעט חול המועד אמאל, דעם פעטער ז"ל האט דאס זייער געאהרט. ברוך ה' אין דעם איז אויך אכשר דרא.

*

**האדמו"ר מגארליץ:** ס'איז מקובל עפעס ביי אונז, כ'ווייס נישט פון וואו, אבער זיי ברענגען עס נאך פון פריער, אז דער ישמח משה פלעגט צו שיקן מצות ערב פסח צום מנוחת אשר.[10]

**רבינו:** ערב פסח, פון אוהעל קיין טשענגער? א מהלך רב, דאס איז זייער ווייט. היינט מיט אן העליקאפטער קען מען דאס טוהן, אדער מיט קפיצת הדרך, דאס קען זיין.

**אב"ד מנוחת אשר:** יא, אזוי שרייבן זיי, ס'איז דא די פארצייטישע זכרונות פון די שטאט טשענגער, זיי שרייבן זיי טאקע אזוי.[11]

**האדמו"ר מגארליץ:** ס'איז זייער אינטערסאנט, ס'איז דא אין די מכתבים פונעם ישמח משה וואו ער שרייבט א בריוו צו רבי יונתן בנימין אסטרייכער (אבד"ק טשענגער יצ"ו), ער איז קראנק געווען ער האט זיך שטארק מסגף געווען, שרייבט ער אים אזוי, ער שיקט אים א קמיע, און ער האט געטוהן אלעם וואס עס וועט הונדערט פראצענט ארבעטן, און ער לאזט אים דארט ער בעהט אים אז ער זאל זיך נישט מסגף זיין, ער ברענגט אים דארט די חז"ל אז מ'טאר זיך נישט מסגף זיין, אז ער איז א חוטא, אבער ער שרייבט דארט עשיתי אלעם וואס איז נאר שייך אז ער זאל האבן א רפואה, און דער בריוו איז אהנגעקומען א טאג נאך די פטירה,[12] ער

---

בחנם כאונסים שלא ברצונם בלי ליטול שכר פעולתם, ובעיר סאטמאר קרא רבינו את כל הבעלי מלאכות שהיו עפ"ר עניים, וביקש מאתם שלא יעבדו בחוה"מ, ורבינו נתן להם תמיכה הגונה לכבוד יו"ט, ועי"ז פעל אצלם שלא יעשו מלאכה בחוה"מ, וכמו"כ ביקש מבעלי בתים עשירים בעיר סאטמאר שלא לעשות מלאכה דאורייתא בחוה"מ בהפאבריק שלהם אף ע"י עכו"ם אף שמענה היה בפיהם, שזה עולה להם לסכום רב, כי היו להם כמה מאות פועלים אשר הוכרחו לשלם להם שכר מלאכה וגם בעד אלו הימים.

ובהערה למטה (אות ב'), וסיפר א' מאנ"ש שבדידיה הוה עובדא אשר היה באותו מעמד בעת רבינו התיר לא' לעבוד בחוה"מ ורבינו שכח לומר לו שיעבוד רק בחנם, ואחר שהלך השואל נזכר רבינו ששכח לומר לו שיעבוד רק בחנם, אמר לא' מאנ"ש שיקרא אותו ע"י הטעל. ולומר לו בשמו שיעבוד רק בחנם. [וזה היה עצה נפלאה של רבינו כי כאשר ראו הבעה"ב שהפועלים אינם רוצים מעות אלו לא ביקשו מהם עוה"פ בחוה"מ שיבאו לעבוד כי לא רצו שיעבדו אצלם בחנם].

וכל כך החמיר רבינו לא להתיר עשיית מלאכה בחול המועד. כי כאשר אחד מאנ"ש התאונן לפניו על רוע מצב פרנסתו, וביקש איזה אופן של היתר לעשות מלאכה, ענהו רבינו ובלשון קדשו: "איך קען דיר נישט מתיר זיין צו ארבעטן אום יום טוב". שוב פעם בא אחד מאנ"ש אל רבינו בטענה, שחושש שמא יפסיד קונים אם יסגור מסחריו בחול המועד, אמר לו רבינו, אין לך לחשוש כלום, על כל קונה שיפסיק לקנות אצלך יבואו עשרה אחרים במקומו, ואחרי זמן נתעשר האיש ההוא עושר גדול מאוד והוא אחד מגדולי נדיבי עם רודף צדקה וחסד.

10 עיין בתולדות המנוחת אשר ז"ל בראש ספרו בית אשר (עמ' ק"ט) שהי' אוהב נאמן דבוק מאה להגה"ק אבדק"ק אוהעל בעל ישמח משה זצ"ל ובחליפת מכתבים לרבינו חותם: ואחוי קידה חמש מאות מול הדרת כבודו... וכן מתארו ש"ב' כי גם הגה"ק מטשענגער הי' נכד המהרש"א והרמ"א ושאר גדולי ישראל כמו הישמח משה.

11 אכן כך היה מקובל כפי שמובא בס' יזכור לקדושי טשענגער, להלן העתק מהספר:


וקדושים. וזכורני, שספרו זקני העדה באזנינו, את הסיפור האמיתי הבא: בעל ה„ישמח־משה" מאויהל, זי"ע, שלח בערב פסח מצות־מצווה לרב מטשנגר על ידי פרש. והמצות הגיעו לרב מטשנגר בעודם חמות מאפייה. וזה בגלל הסיבה מכיוון שהיתה לאותו הפרש־שליח „קפיצת־הדרך" ע"מ שהרב מטשנגר יאכל מצות אלו בעודן חמות.

זכות הקדושים האלה תגן עלינו, יוצאי טשנגר, שנזכה להחזיק מעמד באמונה שלימה, ונחיה חיי־תורה ויראה ושום רוח־מזיקה לא תשלוט בנו ח"ו. ונזכה להרמת קרן ישראל, והתורה, ולגאולה אמיתית בב"א.

יוסף מרדכי בן יצחק דווידוביץ, בני־ברק

12 עי' בספר הנפלא אוצרות ישמח משה (עמוד נד מכתב ח) העתק המכתב קודש, וזלש"ק:

שיל"ת, אור ליום ד' כ"ב אדר שני, תצד"ק ל'. - חקקתי אותיותי, ונתתי את בריתי, לאיש אפרתי, הכרתי והפלתי, לאחד מאלף מצאתי, ה"ה ידידי וא"נ הרב המאור הגדול איש צדיק כ"ב כקש"ת מהור"ר יהונתן בנימין נ"י לנצח האב"ד דק"ק טשענגער ואגפיה יצ"ו.

הנה דאבה נפשי על ששמעתי כי כעת אינו במזג הבריאות, השי"ת ישלח לו רפואה שלמה לרמ"ח אבריו ושס"ה גידיו בתוך שאר חולי ישראל, ה' יסעדנו על ערש דוי כל משכבו הפכת בחליו, כי מערש דוי יהי' עשר יו"ד, ויתמשך לו בריאות וחיים ושלום מהארת אות יו"ד שבאבא חכמה עילאה. והנני שולח לו קמיע אחת אשר לפי מיעוט וקוצר ידיעתי ראוי שתועיל מאוד לרפואה ברחמי שמים, והכוונה הידועה לי השייכה לאותה הקמיע כוונתי עליה, ובטוח אני ברחמי שמים שתמשיך לו רפואה מן השמים רפואת גוף ונפש לרמ"ח אבריו ולשס"ה גידיו, אמן כן יהי רצון.

רק לשום עינא פקיחא על מה שנאמר בתוה"ק (דברים ד, טו) ונשמרתם מאד לנפשותיכם, ואך את דמכם כו' (בראשית ט, ה), ואם כל האסורים דרבנן התירו לחולה שאין בו סכנה, שיבשל ע"י עכו"ם בשבת (עי' או"ח סי' שכה סי"ז), וגם התירו לו לאכול מבשולי עכו"ם בשבת (שם סי"ט), עאכו"כ דברים שאין בהם שום נדנוד איסור שאסור לחולה להחמיר. וכבר אמרו

איז נסתלק געווארן כ"ג אדר תקצ"ד,[13] און כ"ד אדר איז אהנגעקומען דער בריוו.

**רבינו:** רבי יונתן בנימין אסטרייכער איז געווען רב אין טשענגער, ער איז געווען א זוהן פון רבי משה ארי' אסטרייכער, וואס ער איז געווען רב אין קראלי,[14] ביי אים איז געווען די מעשה מיטן קדושת לוי, דער קדושת לוי איז אמאל געווען אין קראלי,[15] און ער איז געגאנגען באזוכן דעם רב פון שטאט, דאס איז געווען דער רבי משה ארי', און ער איז געווען אזא מתנגד אז ער האט זיך נישט געוואלט טרעפן מיטן קדושת לוי, און דער קדושת לוי איז געקומען צו די טיהר, ער האט אים געוואלט קומען באזוכן, און אזוי ווי ער האט אים נישט געוואלט טרעפן איז ער פון פענסטער אנטלאפן, אזא מתנגד איז ער געווען. דער קדושת לוי איז אריין געקומען אין שטוב, און ער זעהט אים ווי ער קריכט ארויס פון פענסטער, ער לויפט ארויס, און דער רבי יונתן בנימין איז געווען א קינד, א קליין קינד, ער איז נאך געווען אין די וויגעלע,[16] און דער רבי משה ארי לויפט אזוי ארויס, זאגט אים דער קדושת לוי 'לויף נאר, לויף נאר, דער (הראה על בנו הילד) איז שוין א אונזערער...', און זיין זוהן איז געווארן א חסיד.[17]

**אב"ד מנוחת אשר:** ער איז געווען א גרויסער בעל מקובל דער רבי יונתן בנימין.

**רבינו:** ר' יהושע קראלער איז געווען זיינס א שוואגער,[18] ער איז געווען אן איידעם ביי זיין פאטער רבי משה ארי' דער קראלער רב.

---

חז"ל (תענית יא:) דהיכא דלא מצי לצעורי נפשי' נקרא חוטא אם מצער נפשי', ואין לך לא מצי לצעורי נפשי' יותר מחולה, וכבר נאמר (משלי יא, יז) ועוכר שארו אכזרי, ולמען ה' יתברך יראה שלא יתחייב בנפשי' ח"ו, ודי בזה לחכם כי"ב.

וה' יברך אותו ויתחדש כנשר נעוריו ויזכה לראות בשמחת ביאת הגואל האמתי במהרה בימינו אכי"ר. - דברי א'נ המעתיר בעדו אל נא רפא נא לו ליהונתן בנימין בן חי' בתוך שאר חולי ישראל, [חי"ק].

13 להלן תמונת המציבה של הגה"ק ר' יונתן בנימין אסטרייכער ז"ל אבד"ק טשענגער יצ"ו:




14 נזכר בשו"ת נוב"י, וכן נזכר כמה פעמים בשו"ת חת"ס.

15 עיי' בס' אמרי יואב (בפרקי מבוא עמ' י') שמקובל שהגה"ק מבארדיטשוב ז"ל שהה בעיר קראלי בשנות תקל"ט – תקמ"א, ואז הפיץ והשריש רוח החסידות בכל חבל אונטערלאנד שבאונגארין.

16 עי' בס' תפארת בית לוי שהרה"ק מבארדיטשוב ז"ל היה במדינת אונגארין והיה גם בקראלי, ואז היה הגאון רבי משה ארי' אסטרייכער ז"ל המרא דאתרא, והרה"ק נכנס לבית מדרשו כדי להכירו, והרב הנ"ל היה מתנגד גדול לחסידות ופחד שהוא כת חדשה, ע"כ לא רצה להתקרב אליו וברח מביתו.

ובס' גדולת יהושע מסופר שהרב הנ"ל אמר שדרך החסידות הוא כעין מאגנע"ט ואבן שואבת שמושך אליו, ע"כ היה מתיירא וברח משם כדי לא לראות את הרה"ק, אמנם הרה"ק המתין לו שם ג' ימים וכשראה שאינו חוזר, אמר שיותר מזה אין צריך להמתין והלך לדרכו.

ומסופר שם שכשנכנס לביתו של הרב הנ"ל מצא את בנו הילד יונתן בנימין ובירכו שיהיה חסיד, ואכן אח"כ נתגדל ונתקרב מאוד לחסידות ה"ה הגה"ק רבי יונתן בנימין עסטרייכער זצ"ל אבד"ק טשענגער.

ויש לציין שהגאון רבי יונתן בנימין נתן לנו הנולד השם 'לוי יצחק' ע"ש הרה"ק מבארדיטשוב ז"ל, והיה מהבעה"ב החשובים בעיר מונקאטש, ובס' גבעת פנחס – ביליצער מובא בהקדמה שבפטירת ר' לוי יצחק הנ"ל הספידו הגה"ק ממונקאטש ואמר עליו שהוא היה הראש להבעה"ב החשובים, ע"ש.

17 ויש לציין שעובדא זו מובא עם הוספה המובא בהקדמה לשו"ת תפארת אדם - מנכדו הגאון רבי משה דוד אסטרייכער ז"ל מטשימפא שהגה"ק הקדושת לוי זי"ע השתוקק מאד להכיר את הנ"ל והרבה בשבחו. והרבנית רצתה לכבדו, ושאלה אותו האם אוהב יאך מיט לאקשען?, והתרגז עליה, יאך מיט לאקשען דארף מען ליב האבן?, דעם בורא עולם דארף מען ליב האבן!.

והוחיל עד בוש, וכאשר ראה שעדיין לא בא והבין שאין ברצונו לפגוש אותו מחמת שהוא מכת המתנגדים, ואז היה בנו הג"ר יונתן בנימין שם... וכו' וכנ"ל.

18 החסיד הצדיק המפורסם ר' יהושע פריינד ז"ל מעיר קראלי, שהי' נקרא בפי כל ר' יהושע קראלער. נולד בשנת תקכ"ז, והי' מפורסם בגודל

אינטערעסאנט, זיין זון איז געוועזן ר' משה ארי' דער ראה"ק אין סיגוט,[19] ביים ברית האט ער אים א נאמען געגעבן נאך אים. הגם ער איז שוין געבוירן געווארן פון א זיווג שני, אבער ער האט דאך א נאמען געגעבן נאך זיין ערשטן שווער.

**האדמו"ר מגארליץ:** דער זיידע דער מנוחת אשר האט מורא'דיג געהאלטן פון אים, ער האט געזאגט אז ער האט געענדיגט יעדעם יאר כל התורה כולה.

דער זיידע (המנוחת אשר) האט געגעבן א נאמען פאר זיין פינעפטער זוהן נאך דעם רבי יונתן בנימין. כאטש ער איז נישט געוועזן קיין משפחה, ער איז נאר געוועזן זיין ממלא מקום אין טשענגער.

**אב"ד מנוחת אשר:** אויף רבי יונתן בנימין'ס רביצין'ס מציבה שטייט אזי זי איז געוועזן אשת 'גאון ישראל' און 'קדוש עליון'.

**האדמו"ר מגארליץ:** יא, דער מנוחת אשר האט עס געלאזט שרייבן, זי איז אוועק אום שנת תרי"ז דער מנוחת אשר האט שוין געוואוינט דארט, האט ער געלאזט שרייבן אזאלכע טיטלען, 'אשת הרב הצדיק קדוש עליון שר ה' וגאון ישראל', מורא'דיגע טיטלען.[20]

**אב"ד מנוחת אשר:** דער קדושת לוי איז ארום געפארן אין אונגארין, ער איז געוועזן אין נאך פלעצער,[21] ער איז געוועזן

---

צדקתו וקדושתו גם הי' מתמיד מאוד בלימודו עד כדי כך שלא הי' משתתף בשמחת נישואין של בניו שלא התקיימו בעירו.

מרן הישמ"ח ז"ל אמר עליו שאילו לא הי' יונק בילדותו אצל ערלית, הייתי אני והרבי מלובלין בושים ממנו (כי היות שנשאר ל"ע יתום מאמו, ועד שמצאו עבורו מינקת ישראלית נתנהו למינקת נכרית).

ומקובל שהי' לו ספר יוחסין עד עלי הכהן ושרפו מחמת מעשה שאירע שאמר פעם מוסר לבנו על מה שהוא מתרשל מלימודו, ובנו השיב לו שהרי אמרו חז"ל כל מי שהוא ת"ח ובנו ת"ח וב"ב ת"ח שוב אין התורה פוסקות מזרעו לעולם, והרי אנו מיוחסים עד עלי הכהן ובודאי יחזור התורה גם אצלי, וכשמוע זאת עמד ושרף המגילת יוחסין כדי שלא יתגאו בניו בזה ולא יסמכו על זכות אבותם.

אמרו עליו שלא הי' ישן במטה במשך ארבעים שנה וכל שינתו הי' רק שינת עראי, רביה"ק בעל הדבר"י ז"ל הי' רגיל להזכיר מימרא בשמו ש'מי שאינו זוכה לגילוי אליהו בליל התקדש הפסח ובליל כל נדרי אינו בגדר אנושי כלל' וסיים רביה"ק - אז אזוי פלעגט זאגן א בעל הבית פון אמאל, נפטר ביום ח' ניסן שנת תר"ח לפ"ק בהיותו בן פ"א שנים ומנו"כ בעיר קראלי.

19 אביו של הגה"ק רבי אברהם יהושע פריינד ז"ל אבד"ק נאסויד מח"ס שו"ת מאור יהושע.

20 ראה תמונת המציבה של הרבנית ע"ה:




21 ויש לציין שהרה"ק מבארדיטשוב ביקר בכמה עיירות באונגארין, עיין בס' עשר צחצחות שכותב: בנסוע הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז מעיר בארדיוב לביתו, עבר דרך כפר אחד הנקרא 'מאקאלי' וצוה לעמוד שם, וירד מעל המרכבה ונכנס להקרעטשמע, וישאל אם ישנו שם איזה איש זקן או אשה זקנה, ויאמרו לו כי הקרעטשמער יש לו אם זקנה בת 90 שנה, ויצו להביא אותה לפניו, וישאל אותה האם היה פה איזה צדיק בזו הקרעטשמי, ונענה כי היה פה הרה"ק מבארדיטשוב, בעברו במדינת אונגארן עבר דרך הכפר ההוא וישב בקרעטשמע הזאת ב' שבועות, והרה"ק עמד רגל אחת על הארץ ורגל שניה על הספסל, ושמע כל מה שסיפרה לו הזקנה מן הרה"ק מבארדיטשוב, אח"כ אמר לחסידים כי כאשר עבר הרגיש ריח טוב של צדיק ויהי לפלא בעיניו, ועתה הוא יודע ומבין מדוע הרגיש את הריח אחרי שהרה"ק מבארדיטשוב היה פה.

כן עבר הרה"ק בקהילת 'מאדע' שהיתה כבר אז קהילה חשובה, ובראשה רב מפורסם הגאון ר' משה וואהל מאושפיצין (נזכר בשו"ת נוב"י מהדו"ת אבהע"ז סי' קט"ו) שהיה עוד צעיר לימים, ומסופר בס' תולדות גאוני הגר שבעת ההיא היה בעיר מאד הרה"ק מבארדיטשוב ז"ל והתנצל לפניו הה"ג הנ"ל כי מאד יפחוד להיות מורה הוראה, ודיבר עמו הרה"ק ז"ל בדברי הלכה, ונתן לו כתב הוראה בזה"ל "ב"ה. מבטיחך אני שלא תאמר על אסור מותר ועל מותר אסור על טהור טמא ועל טמא טהור ועל זכאי חייב ועל חייב זכאי, הק' לוי יצחק בן שרה סאשא" עכל"ה ומאז והלאה הוסר אימתו ממנו והיה בעל הוראה מובהק, עכ"ל.

ועי' בס' אור הישר והטוב (עמ' קמה) שהיה פעם א' גם בעיר ראצפערט, ועד ימי חורבן קהילות אייראפע היתה שם הבימה שקרא עליה.

אין מאדע אויך,[22] כ'האב געהערט פונעם נייטערער רב (הגה"צ רבי שלום משה אונגאר ז"ל אבד"ק נייטרא) אז ס'איז געווען א טיש אין מאדע אויף וואס ער האט געליינט די מגילה.

**רבינו:** מ'דערציילט אז אין קראלי איז געווען א באלעמער אין שוהל וואס דער קדושת לוי האט געליינט די מגילה אויף דעם אום פורים, און ער האט (מגודל ההתלהבות במצות קריאת המגילה) ארויף געטאנצן אויפן באלעמער.[23]

**אב"ד מנוחת אשר:** איך מיין איך האב געהערט ענדליך פונעם נייטערער רב, אזא מעשה וואס איז געווען אין מאדע, און דער לבושי מרדכי ווען מ'איז געקומען צו אים קיין מאדע האט ער ברוב ענוותנותו געזאגט 'עטץ קומטס דאך זיכער זעהן דעם טיש פונעם קדושת לוי', אזוי האט דער נייטערער רב פארציילט.

**רבינו:** די קראלי אידן האבן פארציילט אז אין קראלי איז געווען אזא באלעמער וואו ער האט געליינט די מגילה, קען זיין אין מאדע איז אויך געווען אזא מעשה.

**האדמו"ר מגאראליץ:** דער רבי דערמאנט מיך פון קראלי, דא וואוינט א איד ר' יחזקאל גליק דא אין שטעטל?.

**רבינו:** יא אוודאי, ער איז טאקע א קראלער, ר' עזריאל גליק'ס ברודער.

**האדמו"ר מגאראליץ:** יא, איז פאר צוויי יאר צוריק ווען כ'בין געפארן צום ישמח משה'ס ציון פארציילט ער מיר, זיין זוהן זאגט מיר אז מיין טאטע קען א מעשה ארגינעל פונעם מנוחת אשר, כ'האב נישט געוואוסט אז זיי זענען קראלער נאך פון דערהיים, גיי איך אראפ צו אים דארטן, זאגט ער מיר אזוי, 'ביי אונז נישט וויט דארט אין קראלי, איז געווען אן אלטער בעל עגלה, מ'האט אים גערופן 'דער בלינדער בערי', ער איז בלינד געווארן אויף דער עלטער, האט ער פארציילט אז יונגערהייט איז געקומען צו אים א טאטע מיט א מאמע, זיי האבן געהאט א מיידל פון עלף-צוועלף יאר וואס איז געווען שטום-טויב, און מ'האט אים געדונגען אז ער זאל זיי פירן פון קראלי קיין טשענגער, איז ער געפארן אויף טשענגער, און זי איז צוריק געקומען כאחד האדם...' אזוי האט פארציילט בערי דער בלינדער, זאגט מיר דער ר' יחזקאל גליק, די מעשה איז קראנט, ווייל דער בערי איז נישט געווען קיין חסיד....

**רבינו:** יא, ער האט נישט געזוכט צו מאכן קיין מעשיות....

*

**האדמו"ר מגאראליץ:** ס'איז אינטערסאנט, אונז האבן מיר גערעדט דאס לעצטע מאל מיטן רבי'ן וועגן רבי שלום אליעזר'ל (מראצפערט), אונז האבן מיר געטראפן דעם בריוו, מ'זעהט ווי אזוי זיי האבן אלעם מלביש געווען אין סגולות אין עסנווארג.

**והראה האדמו"ר מגאראליץ לרבינו תמונה מהמכתב קודש ששלח הרה"ק רבי שלו' אליעזר'ל מראצפערט ז"ל למרן רביה"ק ז"ל ובו כותב לו כל מיני סגולות להפקד בזש"ק**

**האדמו"ר מגאראליץ:** ווי עס זעהט אויס האט אים דער רבי געהאט געבעטן סגולות געהאלפן צו ווערן מיט קינדער.

**רבינו:** איך זעה ער שרייבט אים סגולות פונעם שווער פון רבי מאטעלע הארנאסטייפלער.[24]

---

ויש לציין שבס' שאול בחיר ה' [ובס' גדולת שאול עמוד קכ"ב] מובא שהרה"ק מבארדיטשוב ביקר כמה פעמים בעיר קראלי, וגם תלמידו הרה"ק בעל התולדות אהרן מזיטאמיר ז"ל שהה בעיר קראלי כמה חדשים.

22 עיי' בס' תולדות גאוני הגר (י"ל בשנת תרע"א) שם מסופר שהרה"ק הנ"ל היה בעיר ה' 'מאד' בעת כהונת רבי משה וואהל ז"ל שם (שנפטר בשנת תקנ"ט), הרב פנה להקדושת לוי כי מפחד להורות הוראה, ולאחר ששוחחו ביניהם בדבר הלכה, כתב לו הקדושת לוי כתב 'היתר הוראה' בזה"ל: מבטיחך אני שלא תאמר על אסור מותר ועל מותר אסור, על טהור טמא ועל טמא טהור ועל זכאי חיל ועל חייב זכאי - הק' לוי יצחק בן שרה שאשע...

23 עיי' בס' יהודי הונגריה (עמ' 88) שם הוא מביא את עדותו של אחד מיוצאי קהלת קראלי, שבאחד מבתי הכנסת היה קבוע לוח שעליו צוינה העובדא שהקדושת לוי שהה שם.

אגב, ידוע מ"ש בס' ישמח ישראל (פ' בהעלותך) בשם הה"ק מהר"י מווארקא זללה"ה לפרש דברי רשיז"ל להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, שלא הי' ניכר עליו שום שינוי והתפעלות בשעת הדלקת הנרות ואמר בצחות לשונו, אילו היה מצוה הקב"ה מצוה זו להרב הצדיק הקדוש מבארדיטשוב הי' משבר המנורה ושופך השמן זית לגודל התלהבות מהמצוה רבה הלזו, אבל אהרן לא שינה, שלא היה ניכר בו שום שינוי, עכדה"ק.

24 עיי' בס' רבינו הקדוש מראצפערט (עמ' צ"ז) כידוע סבל מרן רביה"ק ז"ל הרבה מצער גידול בנים, ופע"א כששטח את צערו לפני הרה"ק מהרש"א מראצפערט ז"ל, אמר לו הרה"ק שיש בידו פנקס שירש מחותנו הגה"ק מהארנאסטייפל ז"ל שהיה לו במסורת מבית אבותיו הקדושים מטשערנאבל, ויש בו רשומות סגולות לכל מיני דברים, וביניהם סגולה לחשוכי בנים, ואמר לו שישלח לו העתק מהסגולות הרשומות שם, כדי שיהיו לו לעזר להוושע בזרע של קיימא, ואכן אחרי זמן מה שלח לו הרה"ק אגרת ברכה בה נעתקו הסגולות הרשומות שם, וזה לשונו:

"ב"ה, ב' וכל אשר הוא עושה ה' מצליח בידו. לכ"ק ידידי מחו' הרב הגאון הצדיק המפורסם בו"ק חו"פ כקש"ת מו"ה יואל ט"ב שליט"א

**רבינו קרא מתוך הכתב כדלהלן:** "לטגן קמח דגן עם דבש, ולעשות מזה חתיכות קטנות כמו פולין, תאכל שלשה פולין בכל יום, ארבעים יום כסדרן, וה' יעזור".

**האדמו"ר מגארליץ:** אזאלכע אינטערעסאנטע סגולות.

**רבינו המשיך לקרוא מתוך הכת"י הנ"ל:** "לשרות מעט זאפרין זך יין טוב עד שיקלוט היין את טעם הזאפרין, אח"כ ישתו שניהם איש ואשה וכו' כמה פעמים".

**האדמו"ר מגארליץ:** זעהט אויס אז דער רבי האט זיך געוואנדן צו אים.

**רבינו:** יא, כ'זעה ער שרייבט אים 'את מוצא שפתי אשמרה', ס'איז א פלא פון א בריוו.

**אב"ד מנוחת אשר:** כ'וויס נישט צי מ'מעג פרעגן אמת'דיג, וואס איז געווען דארטן, ס'איז יא געווען א ידידות צווישן די צוויי, אדער ס'איז נישט געווען?

**רבינו:** [בצחות] כ'האב נישט געלעבט אין יענע תקופה...

**רבינו המשיך לקרוא מתוך הכת"י הנ"ל:** איך זעה ער שרייבט דא אויף אים 'מחותני'.

**האדמו"ר מגארליץ:** יא, ער ענטפערט אים דאך 'ידידי מחותני הרב הגאון הצדיק המפורסם'.

**רבינו:** דאס האט אינדערהיים געהייסן א גרויסער טיטל.

**האדמו"ר מגארליץ:** גאר א גרויסער טיטל, ער שרייבט אויך 'בוצינא קדישא חסידא ופרישא'.

**רבינו המשיך לקרוא מתוך הכת"י הנ"ל:** "ליקח לשון עורב ואת המרה שלו ולשרפם בתוך כלי לאפר ממש, ואת האפר תשתה האשה מעט מעט על מעט מים, וכן תעשה הרבה פעמים...'.

איך זעה ער שרייבט דא, "הסגולה הזה קשה בעיני וד"ל".

"קח נרד היינו נעגלעך צימרינג ואונגבער ובשלם ביין... וקח אבן מלובן ושפוך עליו יין הנ"ל...".

איך זעה דא שרייבט ער... "בדוק ומנוסה".

**ושאל רבינו:** ווער האט דעם בריוו?

**האדמו"ר מגארליץ:** אונז האמיר נאר א קאפי דערפון.

**רבינו:** כ'זעה ס'איז א קאפי, אבער ווער האט דעם ארגינעלן בריוו.

מ'דארף אפשר פרעגן ר' אברהם יודא מאנדעל, ער האט דאך א געוואלד פון די דאקומענטן, א גרויסן אוצר האט ער, ס'קען זיין דאס ליגט אויך ביי אים.[25]

---

25 הרבני הנגיד הנכבד ר' אברהם דוב יהודה הלוי מאנדל הי"ו מו"ל ספרי גנזי יהודה ה"ח, תומך נלהב למוסדותינו הק' בכל אתר ואתר, אשר

---

האבדק"ק סאטמאר יע"א. את מוצא שפתי אשמרה ואני שולה לכ"ק הסגולות אשר לקחתי מהפנקס של כ"ק מו"ח הרב הגאון הקדוש זצללה"ה זי"ע. (כאן נעתקו הסגולות) העתקתי כל הסגולות והעיקר שהשי"ת יעזור שיעשה פעולה לטובה ויבשר אותי בשורה טובה במוקדם. הכ"ד ידידו מחו' הדוש"ת המצפה לישועה בכלל כל ישראל במהרה. הק' שלום אליעזר הלברשטאם. ונא להודיעני קבלה ע"ז המכתב הנ"ל".

**ראה העתק תמונה מהמכתב המצו"פ:**



שלום אליעזר הלברשטאם
בהרה"ק מצאנז זצלה"ה
חונה פק"ק ראצפערטא יע"א.



RABBINER
S. L. HALBERSTAM
UJFEHÉRTÓ (Ungarn)

**האדמו"ר מגארליץ:** וואס ס'איז אינטערסאנט, כ'בין געזעצן בערך פאר צוואנציג דרייסיג יאר צוריק ביי א באבוב'ער חתונה, און כ'בין געזעצן נעבן אונזער קאזין פון די טווערסקי'ס,[26] ר' מאטיל טווערסקי דער רבי ווייסט וועם איך מיין, פון די ברודער'ס, פון די מילוואקי'ער קינדער (בני הגה"צ ר' יעקב ישראל טווערסקי ז"ל אדמו"ר מהארנסטייפל בעיר מילוואקי), זיי האבן נאך געדענקט דעם זיידן רבי לייבעלע פון שיקאגא,[27] האט ער געזאגט, אז דער זיידע האט געזאגט אז זיי האבן געהאט דעם 'ספר הסגולות' פון ר' מאטעלע, האט ער געזאגט, ווען דער זיידע האט עס געגעבן האט עס געארבעט, און ביי אים ארבעט עס נישט...[28]

**רבינו:** דער טאטע ז"ל האט מיר געזאגט ער האט געטראפן דעם רבי לייבעלע, ווען ער איז אהנגעקומען קיין אמעריקא, איז ער געווען אין שיקאגא אים צו זעהן.

**אב"ד מנוחת אשר:** פונעם מנוחת אשר איז אויך דא א 'ספר הרפואות'.

**רבינו:** יא, דאס איז באוואוסט.[29]

ער האט געטיילט קמיעות און רפואות, ער האט געפראוועט גרויסע מופתים.

ס'איז געדרוקט אין מנוחת אשר (בהקדמת המו"ל) א מעשה, אז ביים קדושת יו"ט איז געבוירן געווארן א קינד, און דער מנוחת אשר האט געבעטן דעם סנדקאות, אבער ער האט עס נישט געגעבן, אזוי שטייט דארט א מעשה.

**האדמו"ר מגארליץ:** אז דאס קינד איז ל"ע אוועק שפעטער.

**רבינו:** איך האב עס קיינמאל נישט געהאט געהערט די מעשה.

דאס האב איך געוואוסט, אז דער קדושת יו"ט האט געהאט א קינד וואס האט ל"ע נישט געלעבט, אבער כ'האב דאס

---

ליקט וקיבץ בדמים תרתי משמע, אוצר רב עבבית גנזיו מספרי קודש וכתבי ידות עתיקים ומקוריים יקרי ערך, ואכן הכתי"ק המקורי הנ"ל נמצא בבית גנזיו.

26 האדמו"ר מגארליץ שליט"א הוא חתנו של הגה"צ ר' ברוך הלבערשטאם ז"ל מגארליץ בני ברק, שהי' בנו של הגה"ק רבי אלישע ז"ל בנו ומ"מ של הגה"ק רבי ברוך ז"ל אבד"ק גארליץ, וחתנו של הגה"ק רבי מאטעלע מהארנסטייפל ז"ל.

27 כ"ק רבי בן ציון יהודה לייב טווערסקי ז"ל בנו השלישי ומ"מ של הגה"ק רבי מרדכי דוב ז"ל בעיר הארנסטייפל, אח"כ הי' דר בארה"ק כמה שנים ושם הובא לדפוס בשנת תרצ"ה את ספר 'תורי זהב' על שו"ע הל' ריבית מאביו הגדול רבי מאטעלע ז"ל, ואח"כ היגר לארה"ב בשנותיו האחרונות והתיישב בעיר שיקאגו עד פטירתו בשנת תשי"א לפ"ק.

28 מן הראוי להעתיק מה שסיפר האדמו"ר מסקווירא ב"פ שליט"א כשביקר אצל מרן שליט"א בענין זה: ...דער הארנסטייפלער פון מילוואקי (הרה"צ רבי יעקב ישראל טווערסקי ז"ל חתן הגה"ק הקדושת ציון מבאבוב ז"ל) האט פארציילט אז זיין טאטע (הגה"צ רבי לייבעלע טווערסקי ז"ל בן הגה"ק רבי מאטעלע מהארנסטייפל ז"ל) האט פארציילט אז ער האט געהאט א ברודער וואס ווען ער איז געווען א קינד, און די ציינער זענען געווען פארפוילט, האט ער געהאט געוואלדיגע יסורים, ער איז אריין צום זיידן דער טשערקאסער (אבי אמו הגה"ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס ז"ל), און דער טשערקאסער האט אים ארויס גענומען א ספר הסגולות, און אויפגעמישט און געוויזן אז דא איז דא א סגולה, און ער האט אים געמאכט די סגולה, און ס'האט אים געהאלפן, אז אלע יארן האט ער גארנישט געפילט קיין ציין ווייטאג, און יעצט אויף דער עלטער, האט נאכאמאל אנגעהויבן וויי צו טוהן, האט ער געזאגט פאר מיין טאטע 'דו קענסט דאך מיר, דו ווייסט דאך אז איך האב א גוטן קאפ און א גוטן זכרון, כ'האב געדענקט גוט דעם ספר וואס דער זיידע האט מיך געוויזן, כ'האב עס ארויס גענומען און כ'האב געטוהן די סגולה, פונקט ווי דער זיידע האט עס געמאכט, אבער ס'איז נישט געווען דעם זיידנס סגולה' (שלא הועיל מה שעשה בעצמו, כי רק זכותו של זקינו הגה"ק הנ"ל היא שעמדה לו אז)...

29 להלן העתק מתוך ספר הרפואות של הגה"ק המנוחת אשר ז"ל:



קיינמאל נישט געהערט פונעם טאטן ז"ל אז דאס האט געהאט א שייכות מיט דעם.[30]

פון טאטן ז"ל האב איך געהערט, ער האט פארציילט אזוי, אז דער קדושת יו"ט איז אמאל געווען אין צאנז, און דער דברי חיים זאגט אים 'איך דארף נויטיג דריי הונדערט רייניש, אז דו גיסט מיר דריי הונדערט רייניש זאג איך דיר צו א קינד', ער איז געווארן זייער צוקאכט אז ער האט געהערט אזא מין זאך, אבער ער האט נישט געהאט געלט ביי זיך, אבער אז ער האט געהערט אזא אפענע הבטחה, איז ער ארום געגאנגען אין די שטאט און זיך געבארגט דעם סכום און האט עס אריין געטראגן פאר'ן דברי חיים. און ס'איז אים צום יאר געבוירן געווארן א קינד, אבער דאס קינד איז ל"ע אוועק, ווען ער איז געקומען נאכאמאל קיין צאנז שפעטער, און האט שלום געגעבן פארן דברי חיים, ער האט פאר'ן דברי חיים גארנישט דערציילט דערוועגן, האט אים דער דברי חיים געזאגט 'וואס זאל איך טוהן, כ'האב געדארפט נוטיג דריי הונדערט רייניש פאר א דבר מצוה, ס'זענען געקומען די רשעים און זיי האבן עס צוגענומען', ער האט נישט געזאגט ווער ס'זענען געווען די רשעים, און ווען ער האט געמיינט, אזוי האט ער אים געזאגט.

**האדמו"ר מגארליץ:** כ'האב פונקט געוויזן פאר מיין זוהן, כ'האב געטראפן דא א בריוו פונעם מנוחת אשר, אזעלכע סגולות, דער רבי ווייסט דאך דער מנוחת אשר האט אלעם מלבש געווען אין דעם, שרייבט ער דא א בריוו פאר עפעם א רב, דעם שאמקוטער רב.

**רבינו:** וועלכער שאמקוטער רב?

**האדמו"ר מגארליץ:** רבי עזריאל אייזיק קעללער איז געווען דער רב, צו אים שרייבט ער דאס.

**רבינו:** יא, ער האט א תשובה אין אבני צדק (סי' נ"א).

**וקרא האדמו"ר מגארליץ יחד עם רבינו מתוך הכתב הנ"ל:** "מכתבו קיבלתי לנכון אודות אשתו הרבנית... מה שלא נתן הרופא מים קרים... עשה טוב מאוד והוא מזלא כי אם עי"ז ח"ו היו הדמים עומדים מבלי הלוך היו לה ח"ו לסכנה גדולה לכן מאת ה' היתה זאת שהיטב אשר עשה... אך אשלה עוד הפעם את המשיחה ששלחתי... ועוד שלשה פאקעלאך אשר שלחתי ג"כ מהם... גם יקח באפאטהעק קרויזעווינציע טהיעע וומזה יבשל ותשתה פעמים... לא תאכל דברים חמוצים וחריפים, ולא תהיה בבית שיש שם רוח חזק... בהרוטב שתאכל יתנו בה אלטגעבאקענע זעממעל... ולפסח אי"ה יעשו לה מצה עשירה, ולא תאכל לא מרור ולא שום דבר חריף ואקוה שיהי' לה לרפואה שלימה...".[31]

**האדמו"ר מגארליץ:** כ'זאג אלעמאל, יעדער פארשטייט אז דאס איז אלעס נאר פשעטלעך, אבער ער פירט דארט אוים 'ואקוה בעזה"י שיהי' לה לרפואה שלימה ירחם הבורא ב"ה ברוב רחמיו וחסדיו וישלח מהרה רפואה שלמה מן השמים רפואת הנפש רפואת הגוף... לרמ"ח אבריה ושס"ה

30 מרן רבינו בעל ברך משה ז"ל היה מציין לשו"ת קול אריה (אבן העזר סימן פ"ה) שם מובא באריכות השתלשלות הדברים אודות מרן הקדושת יו"ט, ושם מפורש גם זאת שהיה לו בן עם הרבנית הראשונה, ושחל"ח לאחר כמה חדשים, עיי"ש בארוכה.

31 רצו"פ תמונה מהמכתב ששלח הגה"ק המנוחת אשר ז"ל להגאון אבד"ק שאמקוט ז"ל:





גידיה...'. כ'זאג אז די אלע זאכן איז איין זאך, דער עיקר איז דער 'ירחם הבורא' ער זאל שיקן א רפואה שלימה, מ'זאל נישט וויסן פון גארנישט און פארטיג. זעהט אויס אז ער האט עם מלבש געווען אין דעם. די קינדער שרייבן דאך אז ער האט געמוזט עם מלבש זיין אין פארשידענע זאכן.[32]

**רבינו:** דער זיידע ז"ל דער ייטב לב שרייבט אויף אים 'מופת הדור', אין די הסכמה אויפן ספר (ספרו מנוחת אשר על סגיות הש"ס).

**וחזר רבינו על המכתב של הרה"ק מראצפערט ז"ל, ואמר:** ס'איז פלאי פלאים דער בריוו, כ'האב נאך אזאנס נישט געזעהן...

**האדמו"ר מגארליץ:** כ'בין נייגעריג צי קיינער האט זיך נישט געטרויעט צו פרעגן דעם רבי'ן אויב ער האט זיך באנוצט מיט די סגולות.

**רבינו:** ס'איז שוין נישט דא היינט וועם צו פרעגן...

**אב"ד מנוחת אשר:** אין וועלעכן יאר האט דער רבי ז"ל חתונה געהאט מיט די צווייטע רביצין?

**רבינו:** אום תרצ"ז, סוף יאר אום חודש אלול.

**אב"ד מנוחת אשר:** און פון ווען איז דער בריוו?

**רבינו:** דא אינעם בריוו שטייט דאך נישט קיין יאר.

**האדמו"ר מגארליץ:** ס'איז מן הסתם געווען אין אנפאנג פון די ת"ש יארן.

*

**האדמו"ר מגארליץ:** אונז האבן מיר געהאט נאך עטליכע בריוו, כ'ווייס נישט פונקטליך וואו ס'ליגט, ס'איז דא א בריוו פון רבי שלום אליעזר'ל ווינטער תש"ד וואו ער בעהט זיך אויף סערטיפיקאטן, ער בעהט זיך ברחמים אז מ'זאל אים ערלעדיגן די סערטיפעקאטן.[33]

אינטערסאנט, דער רבי מאטעלע הארנסטייפלער האט גע'שם'ט ווי א בעל שם בדורו אין סגולות.

**אב"ד מנוחת אשר:** פון וואו האט ער געהאט די סגולה זאכן?

**רבינו:** דאס האב איך אמאל געהערט ווען דער באבובער רב (כ"ק בעל דברי שלמה ז"ל) איז געווען ביים טאטן, און ער האט אים דערציילט א מעשה, אז ס'איז געווען ביי רבי מענדעלע ביסטריצער'ס חתונה,[34] ער איז געווען א חתן ביים זיידן רבי שלום אליעזר'ל, און רבי מאטעלע איז געווען אויף די חתונה, האט ער געזאגט א סגולה ביים אהיים גיין פון די חופה, אז צו האבן קינדער זאל מען עסן די אויג פון עפעס א ראק פיש, אזוי האט עס געהייסן.

**אב"ד מנוחת אשר:** יא, מ'איז געפארן אויף לאנדאן זוכן. ער האט עס געזאגט ביי די חופה.

**רבינו:** ער האט דאס געשיקט זוכן, מ'האט דאס געטראפן אין לאנדאן, און זיי האבן געהאט איין קינד, א טאכטער.[35]

---

32 יש לציין מה שמובא בס' עולמו של אבא (עמ' ל'): פעם התארה אצלי בעיר פעטרושען איש עני ותלמיד חכם גדול שבא לזכות את בני קהלתי במצוות הכנסת כלה, ושמו ר' יצחק מכפר סאקס הסמוך לסאטמער, הוא מסר לי שלמד בישיבתו של זקיני בעל מנוחת אשר מספר שנים, וראה עין בעין את גדלותו של רבו המובהק בתורה ובעבודת ה'.

וכך סיפר לי, הרוקח בכפר טשענגער לאחר שנעשה עשיר גדול מהחולים של הרבי, החליט לעבור לבודפעשט ומכר את בית המרקחת שלו לרוקח אחר, שניהם היו גוים נוצרים, לאחר זמן נפגשו שניהם בבירת הונגריא, והרוקח הראשון שאל בשלומו של הרוקח השני ובעיקר איך הוא מצליח לשתף פעולה עם הרבי, והאם יש לו הרבה חולים שמביאים מרשמים, התלונן הרוקח השני שאין לו פרנסה והוא עומד כמעט לפני פשיטת רגל, היתכן שאל הרוקח מבודפעשט - האם הרבי יונגרייז ישנו עוד בכפר, והאם מבקרים אצלו חולים?, כן, השיב השני - הכל ישנו כבימי קדם, אבל רובן ככולן של התרופות שהרבי כותב על המרשמים אינן נמצאות בבית המרקחת שלי.

טיפש שכמותך - השיב לו הרוקח מבודפעשט - גם בזמני קרה אותו דבר, אבל אני נתתי להם תרופה אחרת שהיתה לי, האם אתה חושב שהתרופות גרמו להחלמת החולים, בודאי שלא, אלא הברכות של הרבי הקדוש...

33 היינו שרצה מאוד לנסוע לארה"ק, וכהיום נתפרסם כמה וכמה מכתבים ממנו בענין זה בס' 'רבינו הקדוש מראצפערט', ע"ש.

34 כ"ק אדמו"ר רבי מנחם מענדל ראזענפעלד ז"ל מביסטריץ, בנו של הרה"ק רבי שלום מקאמינקא ז"ל השני, שנשא את בתו של הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל מראצפערט ז"ל.

35 עיין בס' רבינו הקדוש מראצפערט (עמ' שס"ח) שסיפר האדמו"ר המהר"ש מבאבוב ז"ל: - כאשר התקיימה החתונה של הרה"צ רבי מנחם יהודה עם בת הרה"ק רבי שלום אליעזר זצוק"ל מראצפערט, עוד היה הרה"ק רבי מרדכי מהארנסטייפל זצוק"ל בחיים והשתתף בשמחת החתונה, כאשר עמדו תחת החופה לחש הצדיק מהארנסטייפל באזני בתו (אם הכלה) שיש לו בביתו ספר סגולות ושם בתוכה סגולה לחשוכי בנים. - האם מיאנה לשמוע דברים כאלו בעידן חדוה, כשעומדים והלב מלא תפלה ותקוה שהחתן וכלה יעמידו תחת החופה בית בישראל, והסיחה דעתה מזה.

כאשר עבר זמן מסוים והזוג עדיין לא נושעו בזרע של קיימא, נזכרה הרבנית הצדיקת בדברי אביה אשר בינתיים כבר נקרא לישיבה של מעלה, ושלחה אל אחיה הרה"צ ר לייבלי זצ"ל אשר לו נפל הספר בירושה שישאיל לה את הספר, כאשר פתחו מצאו בו את הסגולה האמורה לחשוכי בנים לאכול את העין של מין דג הנקרא 'ראק'.

המה כן עשו אבל ללא הועיל, אז עלה בדעתם שיתכן שגם בדג זה עצמו יש כמה מינים שונים, ואולי הכוונה דוקא על אותו המין הנמצא ברוסיה.

**האדמו"ר מגארליץ:** מ'פארציילט אז דער רבי מאטעלע האט געזאגט ביים עצי חיים אויף די חתונה אז זיי האבן צי פריה חתונה געהאט, ער האט געוואלט זיי זאלןווארטן לענגער.

**רבינו:** ניין, כ'וועל דערציילן ווי אזוי איך האב עס געהערט פונעם טאטן ז"ל, ס'איז געווען אזוי, דער זיידע (מרן העצי חיים) איז געווען א חתן ביי רבי משה'לע באַרדיובער, און די כלה איז נפטר געווארן, זי האט זיך דערשטיקט ביים עסן, זי איז נאך געווען א קינד. און דער זיידע דער קדושת יו"ט האט שוין געוואלט נאכאמאל א שידוך טוהן, דער זיידע דער עצי חיים איז שוין דעמאלטס אלט געווען פופצן יאר, האט ער געזוכט א שידוך אבער ער איז געוואלט גלייך חתונה מאכן און נישט צעגערן, מ'האט אים אהנגעטראגן דעם שידוך מיט רבי שלו' אליעזר'לם טאכטער, האט ער געזאגט, יא, ער איז גרייט צו טוהן דעם שידוך אבער ער וויל מ'זאל גלייך חתונה מאכן, און זי איז אויך געווען אינעם זעלבן יארגאנג ווי ער, זי איז אויך געווען זייער יונג, די חתונה איז געווען אום תרנ"ו, איז דער זיידע אלט געווען זעכצן יאר צו די חתונה, זי איז אויך אלט געווען אזוי, זיי זענען געווען אין איין עלטער, האט רבי שלום אליעזר'ל געהאט א שאלה צי ער זאל טוהן דעם שידוך, ווייל דער תנאי אינעם שידוך איז געווען צו חתונה מאכן תיכף, האט ער אהנגעפרעגט זיין שווער וואס ער זאל טוהן, האט אים דער שווער געענטפערט, וואס איז דער פראבלעם? האט ער געזאגט איז אז זי איז נאך יונג, נו אז זי איז יונג וואס איז דער פראבלעם? אז זי וועט יונגערהייט האבן קינדער, האט ער געזאגט 'וועט זי נישט האבן באלד קיין קינדער'..., און אזוי איז טאקע געווען.

**האדמו"ר מגארליץ:** שפעטער האט ער געהאט די קינדער.

**רבינו:** דעמאלטס איז געווען די מעשה מיטן שינאווער רב, זי האט געהאט פראבלעמען, און מ'האט געזאגט אז די באָד אין קרעניץ העלפט, איז זי געפארן קיין קרעניץ, און דער שינאווער רב איז דעמאלטס דארט געווען, ער איז דאך געווען א פעטער פאר איר (אחיו הגדול של אבי' הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל ז"ל), איז זי אריין געגאנגען זיך געזעגענען מיט א קוויטל, זי איז זיך געגאנגען באקלאגן פאר'ן שינאווער רב אויף וואס זי ליידט, האט ער גענומען דאס גארטל וואס איז געווען אויפן טיש און האט איר געזאגט נאדער דאס גארטל, האט זי גענומען דאס גארטל, האט ער געזאגט זי זאל אנטוהן דאס גארטל, האט זי אנגעטוהן דאס גארטל, נאכדעם האט ער איר געזאגט, יעצט קענסט עס אויסטוהן, טוה עס אויס און לייג עס צוריק אויפן טיש, קענסט גיין, און ס'האט זיך אלעם אויסגעהיילט.

**אב"ד מינסק:** דער רבי (רבינו הברך משה ז"ל) פלעגט צו ווייזן ווי אזוי ער האט איהר געגעבן דאס גארטל. און ער האט עס צוריק געבעטן. ער האט געזאגט אז ער האט עס געהערט פון די מאמע. ער פלעגט אזוי זאגן, איך פארציילט נישט דא סתם מעשיות, איך האב עס געהערט פון מיין מאמע...

איך האב עס געהערט פונעם טאטן (רבינו הבר"מ ז"ל) עטליכע מאל.

**רבינו:** כ'האב עס אויך געהערט פון אים אסאך מאל.

זי האט געזאגט, די וועלט זאגט אז קרעניץ איז א מקום רפואה, אבער דער אמת איז אז ווען דער שינאווער רב איז דארט דעמאלטס איז קרעניץ א מקום רפואה.

**אב"ד מנוחת אשר:** וויפיל קינדער האט געהאט דער עצי חיים?

**רבינו:** כ'ווייס נישט. מיין טאטע האט קיינמאל נישט געזאגט.[36]

**האדמו"ר מגארליץ:** ער האט געהאט אסאך קינדער.

**רבינו:** יא, אבער דער טאטע האט נישט געזאגט, און אז ער האט נישט געזאגט האט נישט געפאסט צו פרעגן, און כ'האב טאקע קיינמאל נישט געפרעגט.

**האדמו"ר מגארליץ:** דער טאטע (כ"ק מרן הברך משה ז"ל) האט מיר געזאגט אז ער האט געהאט א משפחה מיט דריי קינדער פאר די קריג. (ה"ה הרבנית הצ' מזוו"ר בתו של דודו הגה"ק מקערעצקי ז"ל ויוצ"ח הי"ד),

**רבינו:** דער טאטע האט עס אייך געזאגט?

**האדמו"ר מגארליץ:** יא, כ'בין אמאל געגאנגען מיט אים שפאצירן אין פלארידע האט ער מיר דעמאלטס געזאגט 'איך האב אויך געהאט א משפחה פאר די קריג'....

---

ויהי הדבר לפלא שבאותו פרק בא לפניהם אחד החסידים לקבל ברכת פרידה שנוסע לעיר לונדון בידעם ששם ישנו 'אקוואריום' עם מבחר גדול של כל מיני דגים, ביקשו ממנו שיקח מכל סוג 'ראק', וישלח אליהם לכאן, החסיד ניסה בלונדון נתקל שם בקשיים שונים להשיגו, אולם רבינו עמד על בקשתו כיון שאם חותנו הציע להם לנסות את הסגולה הזאת ודאי שצריכים להשיג אותה והיא תעזור, הוא הצליח בסוף למלא את בקשתם, ואכן פעלה הסגולה, ונולדה להם בת היא מרת אסתר הענדיל ע"ה.

36 כי חוץ מבניו וחתניו המפורסמים, הי' לו עוד כמה ילדים שנפטרו ל"ע בצעירתם.

**רבינו:** נאר אויף דער עלטערע יארן האט ער אנגעהויבן צו פארציילן.[37] אין די יונגע יארן האט ער גארנישט גערעדט דערפון.

**האדמו"ר מגארליץ:** יא יא, זיי האבן נישט גערעדט דערפון יונגערהייט, עס איז נאך געווען צי רוי דער איבערגאנג.

**רבינו:** כ'האב קיינמאל נישט געהערט פון אים אין שטוב ער זאל פארציילן עפעס, לא מיניה ולא מקצתיה.

**האדמו"ר מגארליץ:** ער האט נישט גערעדט פון די ערשטע רביצין קיינמאל?

**רבינו:** קיינמאל נישט. נאר אויף די עלטערע יארן ווען דער כח איז שוין געווען אפגעשוואכט, דעמאלטס האט ער שוין יא גערעדט אז ער האט געהאט דריי קינדער, 'מ'האט מיר צוגענומען דריי נפשות...'.

ווען אונז זענען מיר געווען קינדער האבן מיר אונז אים געפרעגט פארוואס איז נישטא א 'חיים הערש' (ע"ש אביו מרן העצי חיים ז"ל), און ער האט געזאגט 'ווייל אזוי...', אונז האבן מיר דעמאלטס נישט געוואוסט אז ער האט שוין געהאט דריי קינדער... (וא' היה נקרא בשם 'חיים צבי' ע"ש אביו הק' ז"ל).[38]

ס'איז געווען זייער אינטערסאנט, ווען מיין עלטסטע טאכטער (הרבנית אשכנזי תחי') איז געווען א קליין קינד, און זי האט אמאל אינמיטן די נאכט נישט גוט געפילט, און כ'בין געווען זייער דערשראקן בין איך אריבער צו מיינע עלטערן, און דערציילט אז מיין קינד פילט זיך נישט גוט. מיין טאטע און מיין מאמע זענען אריבער געקומען צו מיר אהיים, און ווען ער איז אריינגעקומען צו מיר אין שטוב, איז ער געשטאנען אזוי פארטראכט און זיך אונטערגעזאגט 'אסתר'ל... וואס איז דיר אסתר'ל...', אזוי האט ער איר גערופן אפאר מאל אסתר'ל, אפילו מיין טאכטער הייסט נישט אזוי. כ'בין שוין געווען דעמאלטס א יונגערמאן, האב איך גארנישט געזאגט, מ'האט געטראכט אז עס קען זיין אז זי זעהט אויס אזוי ווי זיין טאכטער (ששמה אסתר הי"ד)... מערערע מאל האט ער איר אזוי גערופן, און ביי קיין שום אנדערע אייניקל נישט. אבער אזוי האט ער קיינמאל נישט גערעדט דערפון.

**האדמו"ר מגארליץ:** זי האט געהייסן אסתר נאך זיין שוויגער (ה"ה חמותו של מרן רבינו בעל ברך משה ז"ל בזיווג ראשון הרבנית הצ' אסתר ע"ה א"ח הגה"ק מקערעצקי ז"ל).

---

37 בשנת תש"מ ביום ב' של יו"ט שבועות ערך מרן רבינו בעל ברך משה ז"ל הכנסת ס"ת בוויליאמסבורג, ובאותו עת ירד גשם עז, וכאשר ירד רבינו מביהמ"ד עצי חיים סיגוט ומקום דירת מרן ז"ל, אשר משם יצאה תהלוכת ההכנסת ס"ת לביהמ"ד הגדול דקהילתינו הק' קהל יטב לב ד'סאטמאר, וכשירד במדריגות הבנין ענה רבינו ואמר בשברון רוחו בזה"ל: 'אזוי בין איך אנגעקומען אין דעם טאג קיין אוישוויץ, כ'האב געטראגן א קינד אויף די הענט (ה"ה א' משלשת ילדיו שנעקה"ש עם אמם הרבנית הצ' ע"ה הי"ד), א לעבעדיגע ספר תורה...

מן הראוי להעתיק כאן דברות קודש שהשמיע מרן רבינו בעל ברך משה ז"ל בשמחת בר מצוה במשפחתו שהתקיימה באסרו חג שבועות תשמ"ט לפ"ק ובו הזכיר רבינו את היום הקשה הזה בימי הרס עולם יו"ט שני של חג השבועות שבו נאספו צאצאיו וב"ב על מוקדה הי"ד: "ולענינינו שנתאספנו כאן לסעודת בר מצוה של נכדי, שמחה גדולה הוא לי... והנה אני רואה השגחה פרטיות מאת הבוב"ה שאתרמי שנעשה הבר מצוה ביום הזה דהנה חג השבועות הוא אצלינו יום קשה, ביום הזה הגעתי לגיא צלמות באוישוויץ, שיצאנו לנסיעה ביום שב"ק (ה' סיון תש"ד לפ"ק) וביום ראשון ושני חל חג השבועות וביום ב' הגעתי שמה, ואז ראיתי את עני עמי עד כמה גברו ידי עושי רשע על ישראל, ובמו עיני ראיתי את כבשונות האש הגדולים שנשרפו שמה רבבות ילדי ישראל הו"ל שעמדו שם גלוי לעין כל, ולישישים היה כבשונות נפרדים שלא ראינום, ונהרגו שמה אלפים מישראל רח"ל, ומארצינו ארץ הגר בלבד אבדו הרשעים כמה מאות אלף מאחב"י ובזמן קצר נעשה כליון נורא בשריפה ממש והיה העשן עולה למרחוק ונראה לעין כל, ואני הגבר יצתה בי יד ה' בהלקח מאתי שלשה ילדים הי"ד ביום קשה, ובכן כשמעתי אומרים לי שנולד בן למז"ט אצל חתני שליט"א ביום חג השבועות ראיתי בזה עין בעין איך שהשי"ת משלם גמול טוב על כל צרותינו... עיי"ש.

38 עי' בס' ומשה היה רועה (חלק ה' עמ' כ) שכאשר נולד כ"ק מרן רבינו שליט"א, היה אז מרן רבינו בעל דברי יואל ז"ל בשיקאגא אודות אסיפת כספים עבור המוסדות הק' שבירושת"ו, ומרן רבינו בעל ברך משה ז"ל שלח אז מכתב לדודו הק' ובו הוא מכבד אותו בסנדקאות, ובמסיבת שבע ברכות של הגה"צ רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א חדב"נ סיפר רבינו בעל ברך משה שהתקשר ע"י הטעלעפאן לספר לדודו הק' מהבשורה הטובה בלידת בנו, ומרן רבינו בעל דברי יואל יצא מגדרו ודיבר בעצמו בהטעלעפאן אף שלא הי' דרכו לדבר עם שום אדם, ועיי"ש עוד מה שסיפר א' שהיה נוכח בקודש פנימה אצל מרן רבינו בעל דברי יואל כשדיבר עם רבינו בעל ברך משה, והתייעץ אז בענין השם שרצה ליתן, ואמר שברצונו ליתן 'חיים צבי' ע"ש אביו מרן העצי חיים ז"ל, ודודו הק' השיב לו נאמר 'דו האסט דאך שוין געהאט א חיים הערש...'.

[ועי' בפתחי תשובה (יו"ד סי' קט"ז סק"ו) בשם שו"ת אדני פז שלא ליתן אותו שם לשני ילדים, ובשו"ת בית שערים מיקל באופן ששני הילדים אינם מאותה אם. וכן בשו"ת נטע שורק (יו"ד נ) כ' כנ"ל להקל אם בנו השני הוא מאשה אחרת. ועי' במס' כתובות (דף פט:) ברש"י ד"ה מר קשישא ומר ינוקא, שכתב שני בנים היו לו לרב חסדא ושם שניהם שוין, אלא שהגדול קורין לו מר קשישא, ולצעיר קורין לו מר ינוקא, עיי"ש. אמנם כאמור מרן רבינו בעל דברי יואל ז"ל החמיר בדבר ולא סמך על קולא זו].

**רבינו:** יא, זיין רביצין'ס מאמע האט געהייסן אסתר, זי איז געווען דעם קדושת יו"ט'ס טאכטער. ווען מיין טאטע האט חתונה געהאט האט זי שוין נישט געלעבט (שנפטרה בי"ד חשון תרפ"ח לפ"ק).

*

**האדמו"ר מגארליץ:** דער טאטע האט מיר געזאגט אז ער האט געהאט א שוועסטער יוכבד רבקה?

**רבינו:** יא, פון דעם האט ער יא גערעדט, פון די געשוויסטער האט ער יא גערעדט.

זיין שוועסטער יוכבד רבקה איז געווען רבי יוחנן'ס רביצין. (כ"ק הגה"צ רבי יוחנן טווערסקי ז"ל אב"ד מוזשאי).

**האדמו"ר מגארליץ:** זי האט געהייסן נאך דעם ברוך טעם'ס רביצין?

**רבינו:** דאס קען זיין.

**אב"ד מנוחת אשר:** אינטערעסאנט, מ'האט לעצטנס געטראפן אז דעם ברוך טעם'ס רביצין יוכבד רבקה האט געהאט אויך א טאכטער יוכבד רבקה, זי איז אוועק ביי א לידה, און די טאכטער וואס איז געבוירן האט געהייסן יוכבד רבקה, זי איז געווען רבי מאיר יחיאל קאמינער'ס רביצין, און אלע גערער'ס האבן יוכבד רבקה'ס.

**האדמו"ר מגארליץ:** אין גער איז טאקע אויך דא א יוכבד רבקה, (אלמנת הרה"ק השפת אמת זצ"ל ואמו של האמרי אמת) זיי זענען געווען קרובים אליץ דעם ברוך טעם.[39]

**אב"ד מנוחת אשר:** רבי משה אונגער'ס רביצין דעם צאנזער רב'ס טאכטער האט געהייסן יוכבד רבקה, דער גארליצער רב האט געהאט א טאכטער יוכבד רבקה, אלע האבן געהאט יוכבד רבקה'ס.

**רבינו:** זי האט אויך געהייסן יוכבד רבקה, אייער באבע, רבי אלישע'ס רביצין. (הגה"ק רבי אלישע האלבערשטאם ז"ל בנו ומ"מ של הגה"ק רבי ברוך אבד"ק גארליץ ז"ל, וחתנו של הגה"ק רבי מרדכי דוב מהארנאסטייפל ז"ל)

**אב"ד מנוחת אשר:** יא, די באבע האט געהייסן יוכבד רבקה.

**רבינו:** זי האט געהייסן א קלוגע רביצין.

כ'בין געווען מיט מיין טאטן ז"ל ווען ער איז געווען באזוכן ביי די באבוב'ער רביצין, זי איז דאך געווען דעם טאטנ'ס א מומע (זו' של הגה"ק בעל קדושת ציון מבאבוב ז"ל שהאריכה ימים והי' דירתה אצל בנה כ"ק אדמו"ר מבאבוב ז"ל וכ"ק מרן רבינו בעל ברך משה ז"ל הלך לבקרה בהיותה אחות אמו ע"ה), ס'איז שוין אין די עלטערע יארן, און זי האט איבער געזאגט עטליכע מאל, 'די מומע יוכבד איז געווען א גרויסע מחוכמת'.

**אב"ד מנוחת אשר:** ס'האט געהייסן אין די משפחה א גערעטענער נאמען.

**רבינו:** מיין באבע (הרבנית הצד' שרה מרים א"ח הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל ז"ל) איז געווען א גרויסע מלומדת.

**האדמו"ר מגארליץ:** אונזער באבע אויך, יוכבד רבקה האט געהאט א שפראך ווי א רבי, מאמרי חז"ל און נאך.

אין סקווירא זענען זיי דאך פארנומען אז זיי האבן זיך געטראפן ביי די חתונה, דער סקווירער רבי ז"ל האט זיך געטראפן און זי האט געקענט אויסנווייניג מאור עינים.

**רבינו:** דער טאטע ז"ל האט געזאגט אז ער געדענקט ווען רבי שלום אליעזר'ס רביצין האט געפלעגט צו קומען קיין סיגוט, און זי האט געבעטן די ספרים.

**אב"ד מנוחת אשר:** דאס אז זיי האבן געקענט לערנען מילא, אבער אז זיי האבן געקענט אינעווייניג דאס איז שוין א חידוש.

**רבינו:** דער טאטע האט געזאגט אז זי האט געפלעגט צו בעטן מ'זאל איר ברענגען א 'פנים יפות' און א 'מאור עינים', די ספרים האט זי אליץ געבעטן, זי האט געקענט אויסנווייניג מאור עינים.

**אב"ד מנוחת אשר:** דער באבובער רב פלעגט צו פארציילן אז ווען זי איז געווען אויף די עלטערע יארן זי האט שוין נישט קיין סך מיטגעהאלטן, האט זי געזאגט 'וועד איך בין וויים איך ניט, אבער וועמענ'ס איך בין וויים איך'.

**האדמו"ר מגארליץ:** עס איז געווען אינגאנצן אן אנדערע מין הנהגה, די צאנזער קינדער מיטן זיידן רבי מאטעלע, די

---

[39] כי חותנו של השפת אמת ה"ה החסיד רבי יודל קאמינער ז"ל היה נכדו של רבי פייוויל קאמינצער חתנו של הגה"ק הברוך טעם, ובתו של הברוך טעם נקראה יוכבד רבקה.

יש לציין שמרת יוכבד רבקה נפטרה בצעירותה, ועיי' בס' דרכי ווארשא אבילות (עמ' 220) מסופר כי כל חולה אשר היה בבית השפת אמת, היתה הרבנית אשת השפת אמת מבקשת לשלוח מספר אנשים יראים וחרדים להתפלל על קברה של זקנתה.

ועל מצבתה נכתב: ממחצב צורים מאבני קודש הוצבה, תבואות פרי קודש נצר מטע תפארתה, אשה בתהלותיה מרבבותיה נשגבה, צדקותיה הן רבו בצור לא יחקו, אך אביונים הביטו הילל ד יזעקו, הוי נדיבת רוח זאת באיבה נקטפה, לה לא הרע המות גם כי צעירה מתה, הן על שבע ימים בכשרון מעשיה עלתה, היא חיי עצב בחיי עונג נצח חלפה, ה"ה האשה הצנועה והצדקת מרת יוכבד רבקה ז"ל בת הרב הגאון מופת הדור מ"ו ברוך פרנקל ז"ל אבד"ק לייפניק, נפטרה ביום ד ער"ח טבת תקצ"ד לפ"ק.

צאנזער קינדער זענען געווען פייער, און רבי מאטעלע איז געווען א אינעווייניגסטע פייער.

**רבינו:** דער טאטע ז״ל האט געזאגט, רבי מאטעלע איז געווען אין ראצפערט דעמאלטס ביי די חתונה [הנ״ל],[40] און ער איז איינגעשטאנען ביי ר׳ יוסף הערצאג, דער ר׳ יוסף האט עס פארציילט, ער איז געשטאנען און ער האט געדאווענט, ער איז געשטאנען אזוי גראד, ער האט זיך א ריר נישט געגעבן, ווען ער איז אהיים געקומען פון דאווענען האט ער זיך געדארפט איבער טוהן די וועש ווייל ס׳איז געווען אדורך געווייקט, נאך יעדע תפילה ווען ער איז אהיים געקומען פון דאווענען האט ער זיך איבער געטוהן די וועש.

**האדמו״ר מגארליץ:** דער פאפער רב ז״ל האט פארציילט אז דער ערוגת הבושם איז געפארן מיט תלמידים פון זיין ישיבה קיין אוקריינא, ווייל ער האט געהערט אז רבי מאטעלע איז אזא גרויסער מענטש,[41] האט ער געזאגט אויך אז ער האט זיך נישט גערירט פון פלאץ, און פרייטאג צונאכט׳ס דעם טיש, כל מקדש, האט ער געפירט אזוי שטיל. שפעטער האט דער ערוגת הבושם געזאגט, ווען נישט מ׳וואלט געוואוסט ווער דאס איז, וואלט מען געמיינט אז דאס איז א פשוט׳ער איד, מ׳האט נישט געזעהן אויף אים קיין שום תנועה חיצונית.

**רבינו:** יא, אבער ביי יעדע תפילה האט ער געדארפט זיך איבער טוהן די בגדים.

רבי יוסף הערצאג האט פארציילט אז ישועה וואס ער האט געהאט ווען רבי מאטעלע איז דעמאלטס ביי אים איינגעשטאנען אין ראצפערט.

ער האט דארט געהאט א געשעפט, א געוועלב האט ער געהאט, און ס׳איז עפעס נישט געגאנגען, ער האט נישט געהאט קיין פרנסה, ס׳איז געווען זייער שוואך די פרנסה, און אזוי ווי ער איז ביי אים איינגעשטאנען האט ער זיך באקלאגט פאר אים, אז ער האט א געוועלב און ס׳גייט נישט. האט ער אים געזאגט אז ווען ער וועט אהיים קומען פון דאווענען וועט ער אריין קומען אין שטוב דורכ׳ן געשעפט, ס׳איז געווען א טיהר אריין צו גיין פונעם געשעפט צו די שטוב, פארנט איז געווען דאס געשעפט און אונטער דעם איז געווען די דירה. אזוי איז מען אריין געגאנגען צו די דירה פון די זייט, אבער מ׳האט געקענט אריין גיין אויך דורכ׳ן געשעפט, האט ער געזאגט ווען ער וועט אהיים גיין וועט ער אריין גיין אזוי. ווען ער איז אהיים געגאנגען פון דאווענען איז ער אריין געקומען אין געשעפט, און ער האט זיך אומגעקוקט רעכט׳ס און לינק׳ס, ס׳איז געווען אויסגעלייגט אזוי סחורה, נאר קונים איז נישט געווען, און ער זאגט אים, כ׳וויס נישט וואס דו זאגסט, דאס קוקט אוים זייער א גוט געשעפט, דא קען מען מאכן פרנסה, אזוי האט ער געזאגט און איז ווייטער געגאנגען, מאותו יום האבן אהנגעהויבן צו קומען קונים. דער טאטע ז״ל האט געזאגט, ווען ער האט אים געקענט איז ער שוין געווען א בעל בתי׳שער איד, ער האט געהאט א גוט געוועלב, אזוי איז געווען די מעשה.

**האדמו״ר מגארליץ:** ס׳איז דאך דא א מורא׳דיגע מעשה וואס איז געווען פסח מיט רבי מאטעלע, ער האט דאך פאברענט דעם שטאט איוואנקוב, מ׳קען עס נאכקוקן אין עמק שאלה אין סימן ס״ה, א פחד פון א מעשה.

ס׳איז געווען אין איוואנקוב א פאבריק פון הייוויען, מיט א שותפות פון אסאך היימישע אידן וואס מ׳האט דארט פאבריצירט הייוויען פאר די גאנצע אומגעגנט, און זיי האבן זיך נישט געקענט מתגבר זיין פון נישט צו לאזן אפען אום פסח, האבן זיי געמאכט מיט א היתר מכירה, און ער האט זיי געשיקט ווארענען פאר פסח אז מ׳מוז דאס גענצליך פארמאכן, און ער האט זיי געזאגט אז זיי וועלן באצאלן טייער.

א יאר שפעטער האבן זיי נאכאמאל דאס געפלאנט, און ער האט זיי ווידער געווארנט זייער שטארק, שבת הגדול זענען געקומען אפאר חסידים צום רבי׳ן פון איוואנקוב, ווייל פסח קומט מען דאך נישט, האט ער זייער ארום געקאכט דערוועגן ביז ער האט זיך געגעבן א רוף אהן ׳אין ביעור חמץ אלע שריפה׳....

האט ער זיך אהנגערופן – דער איד וואס זיין זון שרייבט די מעשה, ער ברענגט דארט דעם נאמען – מיך אויך? איך האב דאך נישט קיין שייכות מיט די פאבריק?!, האט ער געזאגט ׳ ניין דו נישט׳.

40 שמחת החתונה בבית חתנו הרה״ק רבי שלום אליעזר׳ל ז״ל, שהתקימה בעיר ראצפערט, עי׳ לעיל הערה 34.

41 ומן הראוי להעתיק שהגה״ק בעל ערוגת הבושם ז״ל בהספידו ביום ז׳ אדר תרס״ד את הגה״ק רבי מאטעלע ז״ל הזכיר ביקורו של הגה״ק רבי מאטעלע במדינת אונגארין, וז״ל בפרשת תצוה: ׳בחודש אלול נסתלק הגאון הקדוש בקי בנגלה ובנסתר, מאור הגולה, מו״ה מרדכי מאטיל זצ״ל בעהמ״ח ס׳ חיבור לטהרה, והוא עמוק בחריפות ובקיאות, ולפני איזה שנים היה כאן במדינתינו, וכל גדולי המדינה חרדו לקראתו, וגם אני זכיתי לקבל פניו, משובתי שבת בחצרות קדשו, וזכיתי לשמוע מפיו זיקוקין דנורא וביעורין דאשאי וכו״. עיי״ש עוד.

און זיי האבן נישט געפאלגט, ער ברענגט דארט אינטערסאנט אז דער איד דער וואס האט געפירט דעם פאבריק איז קודם א יאר צייט נישט געקומען ווייל ער האט עובר געווען אויף דעם וואס דער זיידע האט געזאגט און ער האט יא פארקויפט, און ער איז געקומען אויף א שבת אינמיטן זוממער, שבת פרשת חקת, און דער רבי אנשטאט צו זאגן תורה אויף פרשת חקת, האט ער אהנגעהויבן צו זאגן די גאנצע תורה וועגן דעם איסור פון חמץ אום פסח, דער איד איז געווען א גרויסער גביר ער איז געשטאנען אונטער'ן בענקל, און דער רבי האט זיך אויסגעדרייט צו אים און גערעדט בחומר הענין. שפעטער איז דער רבי אריין אין צימער, איז די רביצין ארויס געקומען – אזוי שרייבן זיי דארטן – זי האט אים אהנגעהויבן נאכצוגיין, וואס הייסט חמץ אום פסח? דער רבי זאגט און דו מאכסט זיך נישט וואוסנדיג? אזוי איז אים די רביצין נאכגעלאפן, און דער זיידע האט געהערט אז ס'טוט זיך קולות אין ביהמ"ד, זעהט אויס ער איז געווען אין א צימער דערנעבן, איז ער אריין געקומען און געזאגט, די ביזסט טאקע דעם דברי חיים'ס טאכטער, אבער גענוג איז גענוג.

די קומענדיגע יאר איז געווען שבת הגדול האט דער זיידע ווייטער געזאגט אז זיי וועלן טייער באצאלן, 'אין ביעור חמץ אלע שריפה', און דער אנדערער איד איז אדורך, זאגט ער 'דיך נישט'.

ביים צווייטן סדר נאכט האט דער זיידע געזאגט ער קומט נישט אריין, ער איז געווען אינגאנצן צוקאכט, ער איז אריינגעקומען זייער שפעט צום סדר, פלוצלינג קומען אהן א גרופע אידן פון איוואנקוב אז ס'האט אויסגעבראכן א פייער און ס'האט פאברענט די גאנצע שטאט מ'איז געבליבן בעירום ובחוסר כל, מיט גארנישט, ס'איז געווען דארט אינמיטן שטאט אזא לעיק א וואסער, און דער פייער האט איבער געהיפט די וואסער און ס'האט זיך פאברענט די צווייטע זייט פון שטאט אויך, נאר איין הויז איז געבליבן, דאס הויז פון דעם אנדערן איד....

רבי מאטעלע האט גלייך אפגעשטעלט דעם סדר, און נאך אום יו"ט האט ער ארויס גענומען געלט, ס'איז דאך געווען א סכנה, ער האט באלד ארויס געשיקט אין שטאט זיינע קינדער זאלן ארויס גיין, און ביז דריי פארטאג'ס איז ער נישט צוריק אריין געקומען צום סדר, ביז מ'האט צוזאם גענומען אלעם פון די שטאט מאכלי יו"ט, קליידער, און אלעם, זיי זענען דאך געבליבן אהן א דאך איבערן קאפ, און מ'האט דאס געשיקט אהין.

און שפעטער איז רבי מאטעלע ארום געפארן א גאנץ יאר שאפן געלט זיי צוריק אויפצובויען, האבן זיי שפעטער געזאגט, 'דער רבי האט פאברענט די שטאט, און דער רבי האט צוריק געבויעט די שטאט'.

**ופנה לבנו אבד"ק מנוחת אשר:** דערמאן מיך איך זאל אריין שיקן פאר'ן רבי'ן דעם קאפי דערפון, דער רבי וועט זיכער הנאה האבן, די מעשה איז באשריבן קראנט באריכות.[42]

---

42 בס' רבינו הקדוש מהארנסטייפל (פרק י"ב, עמ' שע"ז) מובא כדלהלן: - בעיירת איוואנקוב היה מפעל לייצור שמרים שנעשים משאור (המץ), שהיה שייך למה שותפים יהודיים שניהלו אותו יחד. לפני חג הפסח הם אמנם מכרו ב"מכירת חמץ" את המפעל לגוים, כדת וכדין של תורה, אבל המשיכו לעבוד בו כרגיל גם במשך ימי החג, וניהלו בו את המכירות כבכל ימי השנה. ימ יחגאות אידיהם של הגוים חלו בדרך כלל בימי חג הפסח, והם לא רצו לוותר על ההכנסות הגדולות שבאו מהמכירות שבהכנות לפני כן. - כיון שאיוואנקוב מצויה בגלילות הארנסטייפל, ראה רבינו אחריות להורות לשותפים שאסור לעבוד שם בחג הפסח, והוא שלח להתרות בהם כמה פעמים שלא יעברו על איסור תורה. אולם הם אטמו אזניהם משמוע, והמשיכו בעבודתם כרגיל.

בשנה שאחר כך, לכבוד שבת הגדול, באו אל רבינו בעלי בתים מאיוואנקוב. באמצע עריכת השולחן אחרי הקידוש בשבת בבוקר, הוא לא התנהג בעליזות כהרגלו, רק נזף בחריפות ואמר להם: יהודי איוואנקוב הלא כבר הזהרתי אותכם שלא תסחרו בחמץ בחג הפסח, עליכם לדעת שההלכה נפסקה ש"אין ביעור חמץ אלא שריפה...".

בדרך כלל מיהר רבינו לערוך את הסדר בליל התקדש חג הפסח כדי שיוכל לאכול את האפיקומן לפני חצות הלילה. בשנה ההיא זה היה אחרת, בלילה הראשון של חג הפסח הוא היה מאוד עצוב, וצעד בחדרו הלוך ושוב כשכולו שקוע במחשבותיו. סוף סוף רבינו התחיל את הסדר בשעה מאוחרת.

בשעת עריכת הסדר, באו וסיפרו לו שבעלי המפעל לא שמעו בקולו, והמסחר מתנהל שם כהרגלם, הוא הכה בידו על השולחן ואמר: אין ביעור חמץ אלא שריפה!.

מיד ציוה רבינו לאסוף מצות ומזון עבור יהודי איוואנקוב, כי בטוח היה שדבריו לא ישובו ריקם, ושריפה גדולה תפרוץ שם.

כשקבוצת אנשים מעיירת איוואנקוב נכנסו לבית רבינו באמצע הסדר, הוא לא חיכה לשמוע את מה שבפיהם לומר לו. רק נכנס לחדר הלימוד הפרטי שלו. ואז אכן נודע הדבר ששריפה שפרצה בעיירה, כדברי איש האלקים, שרפה את בית החרושת ורוב בתי העיירה.

רבינו הורה לבנו הרה"צ ר' לייבל'ע לצאת מיד לסובב על פתחי הבתים בעיר, ולהתרימם לטובת הנשרפים שנשארו מחוסרי כל, בהבטיחו להם את תרומתו הראשונה בסכום גדול ונכבד. ורק בשעה שלש לפנות בוקר, כשחזרו, השלים את עריכת הסדר.

פרטים נוספים על השריפה באיוואנקוב מוסר הר"ר אברהם יהושע העשיל טווערסקי הי"ו, ממה ששמע מאבי אביו אדמו"ר הרה"צ ר'

דער זוהן פון דער וואס איז דארט געוועזן שבת הגדול, ער האט עס פארציילט, זאגט ער, דער רבי האט געזאגט זיי וועלן טייער באצאלן 'אין ביעור חמץ אלא שריפה'.

און אין עמק שאלה (אהע"ז סי' ס"ה) איז דא א תשובה אויף אן עגונה שאלה פון די שריפה, ער ברענגט דארט אז ס'איז פון די שריפה ביי די שטאט.[43]

*

**האדמו"ר מגארליץ:** ווען דער טאטע (רבינו הברך משה ז"ל) איז געוועזן באזוכן מיין שווער נאך פסח (הרה"צ רבי ברוך הלבערשטאם ז"ל האדמו"ר מגארליץ בני ברק), ער איז געזיצן מיט מיין שווער ער איז געוועזן נאך אן אפעראציע חוה"מ פסח, ער איז געזיצן דארט אין סיגעיט אין גארטן, און דער טאטע זאגט אים בתוך דבריו, פארצייל מיר עפעס פון דערהיים פון די זיידעס, מיין שווער פאנגט אהן צו פארציילן פון צאנז אהער צאנז אהין, ניין רבי ברוך, פארצייל מיר פון זיידן רבי מאטעלע הארנסטייפלער, אלע האבן זיי עפעס אבער דער הארנסטייפלער איז געווען עפעס אזא מין חיבה יתירה, ס'איז נישט פשוט.

די זקני חב"ד האבן מיר געזאגט, פאר פופציג יאר צוריק כ'בין געווארן אן איידעם דארט, ווען מיין טאטע (הגה"צ רבי אלעזר ארי' הלוי יונגרייז אבד"ק טשענגער) האט נאך געוואוינט אין קראונהייטס, איז געוועזן זקני חב"ד וואס האבן געדענקט גוט דעם זיידן, זיי האבן אים גערופן 'רבי מרדכי בערניו', האבן זיי געזאגט 'רבי מרדכי בערניו איז דער בעל שם בדורו'...

**רבינו:** ער האט געהייסן 'דוב' נאכ'ן מיטעלן רבי'ן (הרה"ק רבי דובער מליובאוויטש ז"ל), כ'האב געהערט פונעם טאטן ז"ל,

---

לייבל'ע מהארנסטייפל זצ"ל בנו של רבינו, ומר' זעליג הרשווסקי ז"ל מחסידיו של רבינו, מהם אנו לומדים על מדת החסד והגבורה שרבינו מיזג בנפשו: - "כשהייתי ילד קטן הכרתי את ר' זעליג הרשווסקי שהיה אז בשנות השבעים המאוחרות קרוב לשמונים. הוה היה יליד איוואנקוב, עיירה קטנה לא הרחק מקיוב, שהיתה שייכת לגליל הרבנות של הארנסטייפל.

אביו של ר' זעליג היה נקרא בפי כך "משה דער פראפעסער", מפני שפעם התלונן בפני רבינו שאין לו פרנסה, אמר לו הרבי: לך תהיה רופא, למרות שלא היתה לו דיפלומה, התפרסם כרופא מומחה, וכל החולים שטיפל בהם התרפאו בדרך פלא. הפרופסורים הנכריים מקיוב, התחשבו בדעתו והתייחסו אליו כאחד הרופאים הגדולים.

וסיפר בנו ר' זעליג כי לקראת שבת הגדול התאספו בני הכפרים והעיירות בהארנסטייפל לשמוע את דרשתו של הרבי. והרבי דיבר לבני איוואנקוב אודות בית החרושת לייצור שאור, שאסור לעבוד שם בפסח, וכל שנה התריע על כך, ולא שמעו בקולו, ועתה הוא מזהירם שידעו כי דין חמץ בשריפה!.

אביו ר' משה שהיה נוכח שם, הבין מסבר פניו של הרבי, כי כלה ונחרצה עמו להעניש את בני העיירה, וזעק, רבי הרי אין לי שייכות לייצור שאור, ולמה דן הרבי גם את ביתי בשריפה? השיבו הרבי: כי אין כוונתו אליו, ובערב פסח פרצה שריפה נוראה באיוואנקוב, וכאשר ישב הרבי בליל הסדר באו שליחים להודיע כי תושבי העיר ברחו אל מעבר לנהר, ואין להם צרכי הפסח.

מיד קם רבינו מכסאו וארגן את יהודי הארנסטייפל, שכל מזון הנמצא ברשותם מעבר לצרכים ההכרחיים, שישלחו מיד ליהודי איוואנקוב, מאוחר יותר דאג הרבי לשיקום העיירה, והשקיע כספים וכח במסירות נפש. כאשר סיים ר' זעליג את סיפורו והוא בוכה בדמעות שליש, אמר: "אכן הרבי שרף את עיירתינו, אבל גם בנה אותה מחדש!".

בני המקום הצביעו על מופת גלוי שקרה אז, ביתו של ר' משה דאקטאר שעמד באמצע המקום שבו שלטה השריפה הגדולה, נשאר שלם מבלי שום פגע, וכל האיזור שמסביב הבית היה לגמרי שרוף. עוד סיפרו זקני העיר, שהם ניסו להציל חפצים שונים מתוך הבתים הבוערים, וזרקום לתוך הנהר הסמוך לעיירתם, כדי שהאש תתכבה מהמים, אבל הם המשיכו לבעור באופן על טבעי גם בתוך הנהר עד תומם.

---

43 להלן העתק מהתשובה סי' ס"ה בשו"ת עמק שאלה:



עמק | אה"ע סימן סד סה | שאלה

סימן סה.

**שאלה.** במותב תלתא כחדא הוינא ואתא לקדמנא הר' משה חיים ב"ר דוד מכפר ואפראדקא הסמוך לעיר איוואנקאוו ואמר לנו בת"ע באידיש אשר בשנה איסתקיד בעת שריפה הגדולה שהי' בעיר הנ"ל ליל ביום ב' של פסח ונשרפו אז כמה נפשות ר"ל. בא לעיר הנ"ל. ואחר נפסק האט ונעשה כמוך האט מיר גיזאגט די מוטער מיינע מי זאל זוכן איר קלומיק מיט בעט גיוואנט וואס זי האט גילאזט ברחוב סמוך נגד ביתה שהיתה דרה. האב איך זיך איין גיטוינגן נידעריק און האב גינומען די קאפאטע על ראשי און האב זיך גילאזט לויפין און גאס קומען און דער געסיל וואס אבי הי' דר שם און לויפינדיק האב איך גיפינען מוכח גוף מרוך און האב איס ניט דער קענט. נאך דעם האב איך ווייטער גיפינען אגוף מרוך און האב איס ניט דער קענט. אז איך בין גיקומען אנטקעגין דירת בית אמי האב איך גיפינען גוף מרוך און די אצבעות ידיו ורגליו זייען שוין אפ גיברענט גיווארין און ער איז גילעגין פניו ארצה כבושין בקלומיק אן גישפארט על ידיו. האב איך איס איבער גיקערט על פניו האב איך איס דער קענט בט"ע גמור שהוא אברהם יוסף ב"ר צבי יצחק מעיר הנ"ל הנקרא יוסף שלמה מאיר"ס כי הי' צורת פניו שלמה עם הזקן ניט אפ גיברענט מחמת ער איז גילעגין מיט פניו איינגיריבט אין קלומיק. נאר באלד ווי איך האב איס איבער גיקערט האט זיך אויף גיהאפט אפלאס פון דעם קלומעק פון די פעדערין האב איך זיך דער שראקין און בין אנטלאפין קויק און האב גיזאגט אז יוסף שלמה מאיר"ס איז פאר ברענט גיווארין. דער נאך אז סי איז שוין שטיל גיווארין האב איך גיפירט דעם פריסטאוו מיט מענטשין אויף די ערטיר וואס איך האב גיזעהן די נשרפים און אז מי איז גיקומין צו דעם ארט פון דעם יוסלען איז ער גילעגין מיטין פנים ארויף און מי האט איס שוין ניט גיקענט דער קענין:

**עוד** באה האשה אשת הנשרף והעידה איך שמלאו סמוך אלל זה הנשרף תמיכה מהטלית והכירה בט"ע שזה טלית של בעלה גם הי' לה סי' מטלאים הכפולים שהניחה בעצמה על הטלית כן אמרה שהי' לבעלה ב' שומות הנקראין בארדוווקעס א' תחת זקנו וא' למעלה מזקנו על המאלדע. העד משה חיים הנ"ל אמר שלא מלאו אלו השומות אמ"כ בהתעסקו עמו לקבורה רק אותה שבמקום זקנו הי' ניכר קצת רושם ממקום שומא. כ"ז העידו לפנינו העד והאשה אחר האיום כד"ת יום שמנה עשר לחודש ניסן שנת תרנ"ב לפ"ק פה הארנאסטייפאליא:

**תשובה.** הנה יש לעיין בהאי גב"ע אם זה לא נקרא הכחשה בין האשה והעד שהכיר בט"ע. דהא לפי דברי

ער האט געזאגט, דער הארנאסטייפלער האט געהייסן ׳מרדכי דוב׳, ווען ער איז געבוירן געווארן איז געקומען ר׳ מאטעלע טשערנאבלער אין חלום און געבעטן מען זאל א נאמען געבן נאך אים, און דער אנדערער זיידע איז געווען דער מיטעלער רבי פון ליובאוויטש איז אויך געקומען אין חלום, און געבעטן מען זאל א נאמען געבן נאך אים, האט מען א נאמען געגעבן ׳מרדכי דוב׳ נאך ביידע זיידעס.[44]

**האדמו״ר מגארליץ:** האלב אוקריינא איז געווען אונטער זיין מגידות, זיי האבן אים געוואלט ער זאל ווערן רבי ביי זיי, אבער דער זיידע האט נישט געוואלט.

**אב״ד מנוחת אשר:** דער עצי חיים האט געהאט א קינד מיטן נאמען ׳מרדכי דוב׳?

**רבינו:** כ׳וויים נישט. כ׳האב נישט געהערט דעם נאמען.

**האדמו״ר מגארליץ:** דער טאטע האט נישט גערעדט דערפון האט מען נישט געהערט.

**אב״ד מנוחת אשר:** אבער דא ביים רבי׳נס אייניקלעך האט מען נישט געגעבן?

**רבינו:** ניין, לכאורה איז נישטא. ס׳איז שוין אביסל ווייט. מיין שוועסטער פון מאנטרעאל, דאכט׳זיך מיר אז זי האט אן אייניקל מרדכי דוב.[45]

**אב״ד מנוחת אשר:** אבער דער נאמען ׳שלום אליעזר׳ איז יא דא?

**רבינו:** יא, איך האב דאך א ברודער רבי שלום אליעזר (הרה״צ רב קהלתינו ב״פ 15׳טע עוו.).

**האדמו״ר מגארליץ:** וועגן דעם נאמען ׳חיים׳ האט דער רבי געהערט אמאל צי מ׳האט געגעבן נאכ׳ן צאנזער רב?

**רבינו:** דער זיידע רבי שלום אליעזר׳ל האט דאך געהאט א ׳חיים׳.[46]

**אב״ד מנוחת אשר:** ווייל ס׳איז געווען וואס האבן נישט געוואלט געבן.

**רבינו:** ס׳איז יא געווען אסאך חיים׳ס. אלע האבן געהאט חיים׳ס.

ביי אונז איז דא דעם זיידן׳ס נאמען ׳חיים צבי׳, איז אויך נאכ׳ן דברי חיים.

מ׳האט פריער גערעדט, דער קדושת יו״ט האט דאך נישט געהאט קיין קינדער א לאנגע צייט, און ער האט אסאך מפציר געווען ביים דברי חיים, ווען דער זיידע (מרן העצי חיים ז״ל) איז געבוירן, איז געווען א נאכט פאר׳ן ברית, האט די באבע גע׳חלומ׳ט אז זי זעהט דעם דברי חיים און ער זאגט איר ׳כ׳האב צוגעזאגט [זש״ק] און כ׳האב מקיים געווען די הבטחה׳,[47] דער ייטב לב האט נאך דעמאלטס געלעבט, האט ער געזאגט ׳אז ער (מרן הדברי חיים) האט זיך מטריח געווען, זאל מען א נאמען געבן ׳חיים׳ נאך אים׳, דער קדושת יום טוב האט געוואלט א נאמען געבן ׳צבי׳ אליינס, נאכ׳ן חכם צבי.

אינטערעסאנט, ווען מיין זון ר׳ חיים הערש (רב דביהמ״ד עצי חיים סיגוט וומסב״ג) איז געבוירן, האט מיר דער פעטער ז״ל געפרעגט דעם נאמען וואס איך וויל געבן, האב איך אים געזאגט אז כ׳וויל א נאמען געבן ׳חיים הערש׳, האט ער זיך אנגערופן ׳ער איז דאך יונג אוועק׳, האב איך געענטפערט, ׳כ׳בין דאך א צאנזער אייניקל, און כ׳קען אינזין האבן דעם דברי חיים׳, האט דער פעטער געזאגט ׳נו, דארף מען טאקע אינזין האבן׳.

**וסיים האדמו״ר מגארליץ:** שוין, ס׳האט זיך פארשלעפט, כ׳וויל נישט אויפהאלטן אזוי לאנג.

**רבינו:** יא, א גוטן מועד, א פרייליכן יום טוב, מ׳זאל הערן בשורות טובות.

**האדמו״ר מגארליץ:** אמן, א גוטן מועד, מיט אלע גוטע השפעות המועד, דער רבי זאל זיין געזונט און שטארק, מ׳זאל זיך זעהן מתוך שמחה.

**ונפרד רבינו ממנו ברב ברכות**

---

44 אמו היה בת הרה״ק ר׳ יעקב ישראל טווערסקי מטשערקאס ז״ל, בנו השמיני של הרה״ק ר׳ מאטעלע מטשערנאביל ז״ל, וחתנו של הרה״ק ר׳ דוב בער (האדמו״ר האמצעי) מליובאוויטש ז״ל. הרה״ק מהארנסטייפל התגדל אצל זקינו הרה״ק מטשערקאס ז״ל וע״כ שינה שם משפחתו לטווערסקי.

45 ה״ה הרב מרדכי דוב מייזליש שליט״א בן הרה״ג ר׳ אהרן מייזליש שליט״א רב דקהל ברך משה ב״פ, בן הגה״צ רב דקהלתינו מאנטרעאל שליט״א, וחתן הרה״ג ר׳ חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט״א דומ״ץ ור״מ דינוב.

46 ה״ה הגה״צ רבי חיים הלבערשטאם ז״ל דומ״ץ בעיר סאטמאר בימי רביה״ק ז״ל עד יום פטירתו בשנת תש״ב לפ״ק.

47 כן הבטיח מרן הדברי חיים להקדושת יו״ט במכתבו הידוע, בזה״ל: ...והנני להתפלל בעדכם שיברך אתכם השי״ת בבני חיי ומזוני רויחי ותצליחו בכל אשר תעשו ותזכו להחזיק תמיד ידי תלמידי חכמים, ולעסוק במצוות ומעש״ט מתוך נחת והרחבה, ולא יתייאש עצמו ווגתו תחי׳, כי בצפייתנו צפינו שלא ימנע מכם פרי בטן, וד׳ הטוב יחמול עליכם ובמהרה תוושעו בזרע ברכת ה׳, כנפשם ונפש ידידו דבש״ת (דורש בשלום תורתכם) באהבה ונ״ח (ונפש חפיצה). הק׳ חיים הלברשטאם.